STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02171

SKITSEN

David Isaiah Silberbusch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ישעיהו זילבערבוש

סקיצען

פארלאג „ליטעראטור-פריינד" אין ווין.

דרוק: „אוניאָן" (ברידער אַפּפעל) ווין, IX. ליעכטענשטיינשטראַסע 21.

ישְׂרָאֵל׳יק.

(סקיצע).

I.

זאלישטשיק, שבת נאָכמיטאָג.

וואויל איז דעם טאַטען און גוט איז דער מאַמען. אַליין נאָך גאָר אַ יונג פּאָר־פֿאָלק און שוין דערלעבט אַ שמחה ביי אַ קינד. ישראלייק, זייער בכור, הויבט היינט אָן חומש.

נאָהנטע קרובים, גוטע שכנים און האַרצעדיגע פֿריינד פֿולען זיך אָן אין דער שטוב. אַלע, אַלע זאָגען „גוט שבת" מיט אַ פֿרעהליכען שמייכעל אויף די ליפּען און ווינשען אָב טאַטע־מאַמע מגדל צו זיין זייער ישראל׳יק „לתורה ולחופה ולמעשים טובים".

און אָט קוקען אַלע אַרויס אויס די פֿענסטער. מ׳זעהט פֿיהרען ישראל׳יקען איבער דער גאַס. פֿון איין זייט דער דרדקי־מלמד, פֿון דער צווייטער זייט דער אויבער־בעלפֿער און ער אין דער מיטען. ער, אַ יונגאַלע מיט פֿולע בעקאַ־לעך, אָנגעטהון אין שפּאָגעל־נייע מלבושים, דאָס שוואַרצע קאַפּטענדיל באַהאָנגען פֿון פֿאָרענט מיט זילבערנע וייגער־ליך; ער געהט פֿאָראויס, דאָס פּנים׳ל פֿאַרפֿלאַמט, און

זיינע חברים, וואָס לערנען מיט איהם אין איין חדר, נאָך איהם.

און אַט קומט שוין אַריין די גאַנצע חבריא און ישראליק שטעהט שוין אויף דעם גרויסען טיש אין מיטען דער שטוב, מיט די פּוסאַלעך אויף דער מאַמעס זיידענעם טיכעל שטעהט ער, אויף דעם ווייסען זיידענעם טיכעל מיט געשטיקטע געלע בלומאַלעך, וואָס די מאַמע טהוט עס אָן נור צוויי מאָל אין יאָהר, פּסח צום סדר און יום־כפּור אין שול אַריין; אויף דעם דאָזיגען ווייסען טיכעל שטעהט איצט ישראליק מיט די פּיס, און דער טאַטע איז מלא־גדולה, און דער מאַמעס אויגען גלאַנצען און שווימען אין טרעהרען פאַר שמחה.

אַלע זייערע מחשבות, אַלע זייערע חושים זענען באַ־העפט אין דעם קינד'ס לעפּצען... ס'שיטען זיך דאָך פּעריל פון זיין מויל, אָהן עין הרע אַ פולע שטוב מיט יודען, יונ־גלעך, ווייבער און מיידלעך, זיי קוקען איהם אין די אויגען אַריין, און ער האַלט זיין ערשטע דרשה גלייך ווי גאָר ניט ער. ער דרש'ט איבער דער קליינער „א" פון „ויקרא".

— וואָס לערנסט דו יונגאַלע? — פרעגט איהם זיין קליינער חבר, דאָס אָבפרעגעריל, מיט אַ קוויטשענדיג קול'כעל.

— הומש! — ענפערט ישראליק מיט חוצפה'דיגער גאוה.

— וואָס איז די טייטש פון חומש?

— חומש איז די טייטש פינף!

— וואָס פינף? פינף בייגעל פאַר אַ קרייצער?

— ניין, דו נאַרעלע, פינף ספרים זענען דאָ אין אונזער הייליגער תורה!

— ווי הייסען זיי?

— בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים!

— וואָס פאַר אַ ספר לערנסט דו?

— איך לערן ספר ויקרא!

— פאַרוואָס לערנסט דו ויקרא?

— ווייל ביי ויקרא איז דאָ אַ קליין אלף'ל און איך בין אַ קליין יונגאלע!

II.

האַמבורג, מיטוואָך נאָכמיטאָג.

ביים ברעג פון'ם ים איז אַ רעש, אַ געפולדער, אַ גע־טומעל ווי אין דור־הפלגה. אַ מיש־מאַש פון מענשען מיט פאַרשידענע פנים'ער און פאַרשידענע מלבושים, אוים פאַר־שידענע לענדער מיט פאַרשידענע לשונות. אַ מיש־מאַש פון כל'ערליי גרויסע פעק און קליינע פעקליך, קופערטעס און רענצליך, קאַסטען און קעסטליך פון פאַרשידענער גרויסקייט און פאַרשידענער פאַרב.

באַלד, באַלד, נאָך אַ קליינער שעה, און ס'וועט אָנקו־מען דאָס גרויסע שיף און וועט איינשלינגען אין זיין ווייטען בויך דעם דאָזיגען גאַנצען עולם כדי זיי דערנאָך אויסצו־שפייען אויף יענער זייט יבשה — אין אַמעריקאַ.

פֿאַרשידענע מענשען, פֿאַרשידענע שטרעבונגען און פֿאַרשידענע פֿאַרלאַנגען.

ביים געלענדער אָנגעשפּאַרט שטעהט אַ פּאַרשוין, אָנגעטהון ווי אַ שררה, אַ דייטשיל ווי אין פּסוק שטעהט, פֿריזירט און פּאַרפֿומירט ווי אין דעם טאָג פֿון זיין התונה. און ער גלאָצט אויפֿ'ן ים, און ער צובייסט מיט די ציין אַ לאַנגע שטרוי וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט אויס איין האַוואַנאַ־ציגאַרע, און ער טרייסעלט שטאַרק מיט'ן רעכטען פֿוס, און ער טאַפּט זיך אַלע מאָל מיט דער רעכטער האַנד אויף דער לינקער בוזעם־קעשענע. ער איילט זיך, ער וואָלט זיך שוין געוואָלט זעהען „מיט דער „אפּותיקי" אויף דעם גרויסען שיף — אָבער ווען מ'זאָגט וואַרטען, מוז מען וואַרטען, ס'העלפֿט קיין חכמות ניט.

אַ חבריא גאַליצישע פּויערן, מאַנסבילדען, ווייבער און קינדער, אָנגעטהון אין זייערע היימישע מלבושים; זיי זיצען אויסגעזעצט אויף זייערע קאַסטענעס, וואָס זענען געפֿאַרבט מיט רויטע און בלאָהע פּאַסקאַלעך. זיי גרייטען זיך אַצונד צו צו'ן אַ גרויסער סעודה: יעדער פּויער נעמט אַרויס פֿון זיין בוזעם אַ פֿלעשעל בראָנפֿען, גאָרגעלט אויס דעם פֿלעשעל אַ היבש ביסעל, גיבט דאָס פֿלעשעל זיין ווייב און זי איז זיך אויך אַזוי נוהג ווי ער. דערנאָך האַלט זי דאָס פֿלעשעל פֿעסט אין איהר האַנד, שטיפּט יעדעם קינד אין מויל אַריין דאָס פּיסקיל פֿונ'ם פֿלעשעל, אויף אַ קליינעם זיפּ, און כאַפּט עס באַלד צוריק. און נאָך דעם דאָזיגען גאָרגלען בייסט די גאַנצע חבריא אַריין, ווי אויף

קאָמאַנדאָ, אין צוגעשימעלטע מאַלאַיעס, געפּוּלט מיט ציבאַלעס, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט נאָך פון דער היים.

אפילו די קינדער קייען גאַנץ געשמאַק זייער חלק־מאַלאַי מיט ציבאַלעס. האַלטענדיג יעדער אין זיין לינקער האַנד דאָס האַלבע זעמעל, וואָס ער האָט בעקומען אין האַמבורג אַ מתנה פון זיינע עלטערן, זיי פערגינען זיך נישט דאָס ווייסע זעמעל איצט אויפצוּעסען. זיי האָבען נאָך צייט. ס'איז אַ לאַנגער, לאַנגער וועג ביז בראַזיליען, וואו אַהין זיי וואַנדערען אוים.

אויף אַ ברוינעם קופערט מיט קליינע רעדעליך זיצט אַ קליין אויסגעדאַרט יודיל מיט אַ קלייענדיג פנים און אַ געלע שפּיציגע באָרד, און קייעט ברויט און בייסט צו קליינע שטיקלעך כשר'ע דאַרע קישקע, וואָס ער האָט איינגעקויפט אין דער רעסטאָראַציע פון'ם קראָקער באַהנ־הויף. דאָס איז אַ טאַרנאָווער שניידער... צווישען די צוויי גרויסע קניפּען פון אַ פּאַק בעטגעוואַנד, וואָס איז איינגעוויקעלט אין אַ קויטיג ליילאַך, זיצט זיין ווייב, אַ גראָבע יודענע, מיט אַ צוויי יעהריג טייאַלע אויפ'ן שויס. דאָס קינד דרימעלט, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קעפּיל אויף דער מאַמעס ברוסט. די מאַמע מאַכט אַלע מאָל אַ זויער פנים און כאַפּט צו צו איהר נאָז דעם עפּעל, באַשטעקט מיט בשמים, וואָס זי האַלט אָנגעגרייט אין איהר רעכטער האַנד.

ער, איהר מאַן, איז שוין אַ צייט פון דריטהאַלבען יאָהר געוועזען אין אַמעריקאַ. ער איז שוין אַ גאַנצער

מאַכער, ער הערט שוין דעם ים „ווי דעם קאָטער.“ אָבער זי, זי פֿאָהרט דאָס ערשטע מאָל. זי האָט געהערט דערציילען אַז אויפֿ'ן ים ברעכט מען שטאַרק, און — קוים קוקט זי אָן דעם ים ווערד איהר שוין שלעכט... זי קען אפילו נישט ליידען וואָס איהר מאַן זיצט זיך און קייעט אַזוי געשמאַק, אָהן עין־הרע, ווי איין הונגעריגער וואָלף. אָבער ער מאַכט פֿון איהר חוזק. ער מאַכט זיך הלצה'ליך. ער ווייזט איהר אַ גרויס שטיק דאַרע קישקע און האַלט עס פֿאַר איהרע ליפּען אַז זי זאָל נעמען בייסען. זי כאַפּט אַוועק דעם קאָפּ, מאַכט צו די אויגען און פֿאַרקרומט די נאָז... ער לאַכט. אָבער זי שמייכעלט אויך. זי שמייכעלט, ווי מ'זאָגט „מיט יאַשטשער־קעס“. זי האָט מורא זיך פֿאַר איהם צו בעקלאָגען. זי שעמט זיך איהם מודה צו זיין אַז אין האַרצען האָט זי שוין אַבי־סעל חרטה פֿאַרוואָס זי האָט אויף איהם אַזוי געדרונגען אַז ער זאָל זי מיט די קינדער שוין מיטנעמען קיין אַמעריקאַ.

און אָט קומט אָנצושפּרונגען, ווי אַ פֿאַר'סם'טע מויז, זייער בחור'ל גבריאל, אַ יונגאַטש פֿון 16 יאָהר און פֿאַר־לאַנגט עסען. ער איז שוין אויסגעוועזען וואו דער פּלאַץ האָט אַ'ן עק. אומעדום האָט ער געגלאָנצט מיט די אויגען אומעדום האָט ער אויפֿגעשטעלט די אויערן צו הערען וואָס מ'שמועסט. ער האָט זיך נאָר נישט געקענט פֿאַר'חדוש'ן צו הערען אַזעלכע מיני לשונות וואָס קומען אויס אַזוי משונה'דיג, אַזוי טאָטעריש. אַצונד איז ער שטאַרק פֿאַר־טראַכט, צוטראָגען, מבולבל... ער כאַפּט דאָס שטיק ברויט מיט די עטליכע שטיקלעך דאַרע קישקע, וואָס זיין טאַטע

האָט איהם געגעבען און עסט שטעהענדיג... דער טאַטע שרייט אויף איהם. ער זאָגט אַז ס'איז קיין דרך ארץ ניט שטעהענדיג צו עסען. זעצט זיך גבריאל שנעל אַנידער אויפ'ן זאַק, וואָס איז אָנגעפּולט מיט אַלטע קליידער. ווערד די מאַמע אַ דערשראָקענע. אין דעם דאָזיגען זאַק האָט זי איינגעפּאַקט טלית־און תפלין, און מ'טאָר אויף איהם ניט זיצען... פּלאַצט דער טאַטע אויס מיט אַ כעס און שרייט: „גולם! נאָך דיך דאַרף מען אין אַמעריקאַ. אַזאַ לעהמענדי־גען גולם זוכט מען דאָרט מיט ליכט... דיר וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ לייבליך ברודעריל פון יענעם גולם, וואָס איז מיט אונז געפאָהרען פון בערלין קיין האַמבורג און אַצונד שטעהט ער דאָרט אין אַ ווינקעלע און גלאָצט מיט די תמ'עוואַטע אויגען. אייך ביידע וועט מען אין אַמעריקאַ מיט מוזיק אויפ־געמען. גאַנץ אַמעריקאַ וועט לויפען אייך מקבל פנים זיין. אַזעלכע צוויי גולמות!...“

גבריאל קוקט אין יענעם ווינקעלע, וואו דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט זיי מיטגעפאָהרען, שטעהט. דער דאָזיגער „גולם“ געפעלט איהם דוקא... ער ווייסט פאַרוואָס זיין טאַטע איז אויף יענעם אַזוי אין כעס. דאָס שניידעריל אויס טאַרנוב האָט איבער דעם יונגענמאַן געוואָלט ווערען אַ טאַטע, אַ פאַרזאָר־גער. איהם זאָל ער איבערגעבען דאָס געלד אויף צו קויפען אַ שיפס־קאַרטע. ער קען ענגליש, ער פערשטעהט ווי אַזוי צו רעדען מיט דעם „פריץ“ און ער וועט די קאַרטע קויפען ביליגער. דער יונגערמאַן האָט אויף דעם גאַנצען וועג פון דער נסיעה געשוויגען. ס'האָט זיך געדאַכט אַז ער איז מסכים.

אָבער קוים איז ער אָנגעקומען קיין האַמבורג, איז ער פּלוצים נעלם געוואָרען. אין האַמבורג האָט ער פאַר זיך אַלעס אַליין איינגעקויפט. אפילו די שיפס־קארטע האָט ער זיך אַליין באַזאָרגט, נאָך איידער דאָס טאַרנוב'ער שניידעריל איז צוגעקומען.

אזא „נולם״! — און גבריאל טראַכט ביי זיך אַז קומענדיג קיין אַמעריקא וועט ער טאַקע אויך זיין אַזא גולם ווי יענער. ער וועט ווערען אַ פרייער מענש און וועט זיך ניט מעהר לאָזען אַז דער טאַטע זאָל זיין איבער איהם דער גאַנצער בעל־הבית און זאָל ביי איהם צונעמען זיין גאַנץ שכירות...

אָט שטעהט ער „יענער גולם״ דאָרט אין אַ ווינקאַלע פאַר'מחשבה'ט. אַ יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט אַ נעקרויזטען קאָפּ, מיט אַ בלייך פּנים און אַ שפּיציכדיג בערדיל. אַלע מאָל טאַפּט ער מיט דער רעכטער האַנד ביים רעכטען אויער... דאַכט זיך אַז פאַר'מחשבה'ט זוכט ער די פאות, וואָס ער האָט זיי ערשט דאָ אין האַמבורג אָבגעשניטען. און ווען ער געפונט זיי נישט, קריכט די האַנד צו צום בערדיל און קרייזעלט עס מיט ציטערענדיגע פינגער... באַלד פאָרעט ער זיך ביים נייעם קאַפּעלוש. ער פרובט זיך איהם אַביסעל פונאַנדער צוציהען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיך לכבוד אַמעריקא, אָנגעטהון אַ שטייפען קאַפּעלוש. ס'דרוקט איהם ביי די שלייפען. דער גאַנצער קאָפּ איז איהם אַזוי ווי איינגעקרעמפּעוועט... אַצונד האָט ער זיך נעשטעלט פאַר אַ פענסטער פון'ם פּאַסאַזשיר־הויז און די

גרויסע שויב שפיגעלט אָב זיין גייע צורה. אַ לייכטער שמייכעל פאַר׳ננבה׳ט זיך אויף זיינע ליפען. ער איז נייגיריג וואָס זיין ווייב און זיין קליין טעכטעריל וואָלטען געזאָגט, ווען זיי זאָלען איהם איצט זעהן אין די דייטשערישע בגדים... ער זיפצט שטאַרק. ס׳ציהט איהם מורא׳דיג ביים האַרץ. אַלע אברים ציטערען ביי איהם פלוצים ביי דעם געדאַנק אז באַלד, באַלד, קומט אָן דאָס שיף און וועט איהם אוועקטראָגען, ווי דער רוח אַ מלמה, ווייט, גאַנץ ווייט, גאָר אין אַ נייער וועלט, ערגיץ אונטער די הרי־חושך...

— ישראליק! דאָס ביסט דו?! דו דערקענסט מיך נאָר ניט מעהר? דו קענסט דיך ניט דערמאָנען אז איך בין געוועזען ביי דיין ערשטער דרשה, ווען דו האָסט אָנגעהויבען חומש און האָסט געקנאַקט ווי אַ בעל־דרש׳ער אויף ויקרא מיט אַ קליינער א״?

ישראליק קוקט אַרום זיך משונה ווילד, ווי איינער, וואָס מ׳האָט איהם אין מיטען אַ פחדים׳דיגען חלום, פלוצים אויפגעוועקט... ער וואַרפט אַ בליק אין דעם שפיגעל פון דער שויב. זיין פנים איז שרעקליך בלאַס, זיינע אויגען זענען אַזוי ווי איינגעצווינגען אין זייערע באַהאַלטענישען...

— מיין ליבער יוד! — ענטפערט ישראליק מיט אַ פאַרביטערט קול — זייט יענער צייט האָב איך שוין פיעל, פיעל דרשות געהאַלטען, איך האָב גע׳דרש׳עט ביי בר־מצוה, איך האָב גע׳דרש׳עט ביי מיין חתונה. איך האָב גע׳דרש׳עט און מ׳האָט איבער מיר גע׳דרש׳עט! אצונד מוז איך דרש׳נען די שרעקליכסטע דרשה פון מיין לעבען, אצונד מוז איך

דרש׳נען אויף דער גרויסער „ג׳ פון „ויהי בנסוע׳...

ישראליק וויל זיין דרשה מסביר זיין, אָבער — „איינ־שטיינען, איינשטיינען ו׳ הערט מען אין דער דאָזינער רגע... א געוואלד א געשריי פון אַלע זייטען. ס׳איז א רעש, א געפילדער, א געטומעל ווי אין דור הפלגה. מ׳טראָגט פון אַלע זייטען גרויסע פעק און קליינע פעקליך. און ישראליק מוז זיך איילען און אויך זיין פעקיל אַריינטראָגען אין דעם אַלסדינגג איינשלינגענדען גרויסען שיף...

III.

ניו־יאָרק, דאָס שפּיטאָל פון די „באַרמהאַרציגע ברידער״.

דער זאַאַל נומר צוויי אין ערשטען שטאָק, איז אַ׳ן הויכער, א לופטיגער. דאָרט ליגען קראַנקע, וואָס זייער חולאת איז אַ סכנה׳דיגע אָבצעהרונג, א צאַנקענדיגע אויס־לעשען פון די כוחות.

אַצונד האָט זיך דער דאָזיגער זאַאַל כמעט אין גאַנצען אויסגעלעדינט. ס׳איז אַ שענער זומערטאָג. פאַר א פערטעל שעה זענען די דאָקטוירים נעוועזן אויף וויזיט. דאָס רוב קראַנקע זענען אַרונטער אין גאָרטען. נור עטליכע, זעהר אָבגעשוואַכטע, ליגען אויף זייערע בעטליך, איינגעהילט אין די דעקען, און דרימלען פאַר שוואַכקייט.

מ׳הערט אין זאַאַל קיין שאָרך ניט. אַרום און אַרום איז שטיל, רוהיג... איינער, אַ׳ן עלטערער מענש מיט

איינגעפאלענע באקען און איינגעגראבענע אויגען, אנגעטון אין זיין ליינוואנדטענעם קיטעל און ליינוואנדטענע פאנטאפעל מיט די בלאהע פאסקאליך; ער באוועגט זיך אזוי פאמעליך אויף דעם טעפיך אז מ'הערט זיינע שריט ניט. ביים גרויסען הילצערנעם טיש, וואס שטעהט אין מיטען זאאל, שטעלט ער זיך אלע מאל אב, לעגט ארויף זיין רעכטע האנד אויף א שטיקעל טרוקענע שוואם, וואס ליגט אויפ'ן טיש, דריקט עס עטליכע רגעים צווישען די פינגער, און באוועגט זיך ווייטער... אזוי געהט דאס שעה'ן לאנג. אלע אנדערע קראנקע ווייסען שוין דערפון. זיי זענען שוין דערמיט אזוי געוואוינט ווי מיט דעם „טיק־טאק" פון א זייגער. ס'שטערט קיינעם ניט.

א „בארמהארצינע שוועסטער", א יונג בליהענדיג מיידעל, א'ן ערך פון צוואנציג יאהר אלט, אנגעטון אין א לאנגען שווארצען טאלאר און דער קאפ ארומגעהילט מיט א ווייס טיכעל; זי קניעט אין א ווינקאלע, די הענד צונויפגעלעגט, איהר „סידור'ל" אויפגעעפענט, די אויגען אויפגעהויבען, די ליפען באוועגען זיך, אבער מ'הערט קיין שארך ניט.

פלוצים דורכציטערט א שרעקליכער זיפץ דעם גאנ־צען זאאל, א קול ווי פון געשפרונגענע סטרונעס. דאס קול קומט פון א זייטיגען חדר. די בארמהארציגע שוועסטער שפרינגט אויף. זי ווייסט פון וואנען און פון וועמען דאס דאזיגע קול קומט.

— איהר זענט דאך א יוד — זאגט די „שוועסטער" אויף ענגליש צו מיר — קויפט אייך א מצוה. איינער פון

אייער אמונה ליגט דאָ אין אַ באַזונדער חדר. איהר פֿאַר־שטעהט דאָך, ס'שטעהט מיט איהם שלעכט... איך האָב אויף איהם גרויס רחמנות. אָבער איך פֿאַרשטעה איהם ניט רעכט און ער פֿאַרשטעהט מיך ניט רעכט. איבערהויפּט זייט מ'האָט איהם אַריינגעלעגט אין דעם באַזונדערען חדר אַרבייט ער מעשים... ער שרעקט זיך שטאַרק. ער בעט אַז מ'זאָל איהם שיקען אַ יוד פֿון זיין לאַנד. ער מוז מיט איהם שמועסען.

— וואָס איז זיין קראַנקהייט? איך האָב מורא אַליין אַריינצוגעהען.

— חלילה, ס'איז נישט דאָ וואָס מורא צו האָבען. איך געה מיט אייך אויך מיט. די סבה פֿון זיין קראַנק־הייט איז אַ פּשוט'ע. פֿאַר דריי יאָהר איז ער געקומען קיין אַמעריקאַ. אין דער התחלה האָט ער ניט געפֿונען קיין אַרבייט. ער האָט געהונגערט. ערשט שפּעטער האָט מען איהם אַריינגענומען אין אַ פֿאַבריק. דאָרט האָט ער זיך געוואָרפֿען אויף דער אַרבייט איבער זיינע כחות. פֿון דער היים איז ער נישט געוואוינט געוועזן צו קיין שום מלאכה. פֿון דעסטוועגען האָט ער אין דער פֿאַבריק געאַרבייט פֿון פֿריה ביז נאַכט. און אָפֿטמאָל אויך שפּעט אין דער נאַכט. פֿאַר זיך האָט ער זיך וועניג־וואָס פֿאַרגינען. ער מוז זיין שכירות אַהיים שיקען פֿאַר זיין ווייב און זיין טעכטעריל... און אַזוי האָט ער געאַרבייט און געאַרבייט ביז דאָס רעדעל פֿון זיין איינענער מאַשין איז כמעט אויסגעטרוקענט געוואָרען... ערשט זייט צוויי וואָכען ליגט ער אין שפּיטאָל.

אָבער זיין קראַנקהייט האָט זיך אַזוי שנעל אַנטוויקעלט אַז די דאָקטוירים האָבען איהם שוין נעכטען געמוזט לעגען אין אַ באַזונדער חדר... ס'איז וועגען די אַנדערע קראַנקע... איהר פאַרשטעהט... ס'איז אַ גרויס רחמנות, אַ יונגערמאַן פון קוים דריי און צוואַנציג יאָהר...

ווי אַזוי ביי מיר איז פּלוצים געקומען די מחשבה אַז דאָס איז אפשר מיין בעקאַנטער, ישראליק, ווייס איך עד היום נישט. אָבער ביים דערצעהלען פון דער „שוועסטער" איז מיר פּלוצים דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק דורכ'ן קאָפּ אַז ער האָט גע'דרש'ט אויף דער גרויסער „ג' פון „והתגלח" אָדער אויף עפּיס אַ'ן אַנדער אות, אַ גרויס אָדער אַ קליינס.

די „שוועסטער" איז געבליבען שטעהען ביי דער טהיר און איך בין צוגעגאַנגען צו זיין בעט. דורך דעם דינעם פאָרהאַנג פון'ם פענסטער האָט די זון, מיט איהרע שוואַך פונקעלענדיגע גילדענע שטראַהלען, באַדעקט מיט גלאַנץ דעם שוואַרץ־געקרויזעלטען קאָפּ און דאָס געל־בלאַסע פנים פון דעם חולה. ער איז געלעגען מיט'ן פנים אַרויף, די אויגען צוגעמאַכט. די איינגעפאַלענע באַקען האָבען שטאַרק געפלאַמט, אַזוי אַז ס'האָבען זיך באַוויזען צוויי רויט־ברויג־ליכע פלעקען פון ביידע זייטען. ער האָט שווער געאָטהעמט, די פאַרטרוקענטע ליפען האַלב געעפענט.

פּלוצים עפענט דער חולה די אויגען, וואַרפט אַ רחמנות'דיגען בליק אויף דער „שוועסטער", טייט אויף איהר מיט דעם מיטעלסטען פינגער פון זיין רעכטער האַנד און

רעדט מיט אַ שוואַך קול, אַזוי ווי צו זיך אַליין: „איך ווייס, איך דערקען זי. ד אָ ס א י ז ז י ד אָ ך, דאָס איז דאָך שרה׳לע, מיין ווייב... אַזאַ כשר׳ע יודענע... וואָס זענען עפּיס די משונה׳דיגע בגדים? וואָס איז עפּיס דער צלם אויף איהר האַרץ?... אַזאַ כשר׳ע נשמה! זי האָט אויף מיר רחמנות... פאַרוואָס לאָזט זי. זיך פון מיר ניט אָנריהרען?... וואָס איז געשעהען מיט מיין קליין טעכטעריל, מיט מיין חנה׳לע? פאַרוואָס האָט זי זי ניט מיטגענומען קיין אַמעריקאַ?... איך בין גאַנץ געזונד... באַלד וועל איך ווידער געהען אין דער פאַבריק און אַרבייטען, אַרבייטען מיט אַלע כחות, אייך מפרנס צו זיין...״

און אָט טאַפּט ער זיך מיט דער רעכטער האַנד ביי דער יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ און שרייעט מיט אַ מורא׳דיג הייזעריג קול: „סאיז ערדציטערניש! מ׳דאַרף מאַכען אַ ברכה... רב קטינא האָט רעכט: „ווען הקדוש-ברוך-הוא דערמאַהנט זיך אַז ישראל איז אין צער צווישען פרעמדע אומות לאָזט ער, כביכול, פאַלען צוויי טרעהרען אין דעם גרויסען ים׳... דער ים וואַרפט מיט זיך, ער שאָקעלט מיט דער ערד. ער האָט אונז אַ געוואַלדיגע דרשה אויף ים-לשון... אין אַ בעזונדער חדר האָבען זיי מיך געלענט... איך ווייס דעם פּירוש דערפון...״

באַלד פאַלט דער חולה צוריק מיט דעם קאָפּ אויף דעם קישען, מאַט, אָבגעשוואַכט. די פלאַמען פון די באַקען

פֿאַרשווינדען. ער מאַכט צו די אויגען און עפֿענט זיי באַלד ווידער. ער קוקט מיך גאַנץ רוהיג אָן און זיפֿצט. דערנאָך בעט ער מיך, איך זאָל זאָגען דער „שוועסטער" אַז זי זאָל ארויסגעהען אויס דעם חדר. ער וויל מיט מיר אַליין רעדען. ער קוקט מיך נאָך אַמאָל שטאַרק אָן און זאָגט: „איהר זעהט, מיין ליעבער יוד, איהר דערקענט מיך. דאָס בין איך דער קליינער ישראליק און דער גרויסער בעל דרש'ער... דאָס איז מיין גאַנץ אומגליק און דאָס איז דאָס אומגליק פֿון אַ סך פֿון מיינע חברים. פֿון קינדהייט אָן האַלטען מיר אין איין דרש'ענען, און פֿאַר לויטער דרשות פֿאַרשטעהען מיר ניט דעם פשוט'ען פשט פֿון'ם לעבען..."

חַנָה־לֵאָה.

(סקיצע.)

חנה־לאה איז אַ יודענע — נישט גאַנץ פֿינפֿציג יאָהר אַלט, אָבער אַ צובראָכענע. איינגעטרוקענט די ביינער, הוסט די גאַנצע נאַכט, קען דעם אָטעם נישט כאַפּען. דאָס איינגעקאָרטשעטע פּנים כמעט תמיד באַדעקט מיט געדיכטע פֿינסטערע וואָלקען.

נאָר אַמאָל, אַמאָל, לייכטען אַרוים פֿונקעלענדיג, אוים די דאָזיגע וואָלקען, איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען.

די דאָזיגע שפּריהענדיגע פֿונקען זענען אַלטע זכרונות:

חנה־לאה, אַ בת־יחידה ביי אַ נגיד אין דאָלינאַ. דאָס אויג אין קאָפּ ביי טאַטע־מאַמע. געבאָדען אין פּוטער און אין מילך. ערצויגען צו גאָט און צו לייט.

מיט פֿיערצעהן יאָהר למזל אַ כלה געוואָרען. באַהאָנגען מיט כלה־מתנות. טאַטע־מאַמע גליקליך, ווי די וועלט.

מיט זיעבצעהן יאָהר חתונה געהאַט. אַ יונגערמאַן, אויף אַ ברכה צו מאַכען איבער איהם. געלערנט, וואויהל ווי די וועלט. גוט, ווי דער טאָג. שעהן ווי די זון. אין דער צורה נישט אַריין צו קוקען.

אַלע חבר׳טעם זענען זי מקנא. איהר האַרץ באָד זיך אין אַ ים פֿון גליקליכקייט.

מיט אַכטצעהן יאָהר אַליין אַ מאַמע. געבוירען אַ מיידאַלע. אין אַ׳ן הייבעל געבוירען. דער טאַטע אויס׳ן אויג. ס׳איז ליכטיג אין אַלע ווינקאַליך. דעם מאַן׳ס אויגען שווימען אין טרעהרען פֿאַר שמחה. דער זיידע און די באָבע קוקען זיך אָן לאַכענדיג. דער הימעל לאַכט... חנה־לאַה׳ס האַרץ פֿלאַטערט. זי האָט מורא פֿאַר אַ׳ן עין־הרע.

איהר האַרץ נישט בחנם געפֿלאַטערט. נאָך נישט גאַנץ נײַנצעהן יאָהר אַלט, איז זי אַ פֿאַרביטערטע אַלמנה. געשטאָרבען איהר מאַן אויף סוכאָטע.

זי וויינט ניט. זי פֿיהלט נאָר, אַז אין איהר האַרץ איז אַ סטרונע געשפּרונגען.

טאַטע מאַמע ווענדען אָן, נאָך אַ קורצער צייט, אַלע תחבולות זי צו טרייסטען. ס׳העלפֿט נישט. איהר רחל׳ע איז פֿאַר איהר גענוג. זי דאַרף קיינעם נישט מעהר...׳

אַוועק עטליכע יאָהר. חנה־לאַה בלייבט אַליין אַ יתומה. געשטאָרבען טאַטע־מאַמע. נישט איבערגעלאָזט קיין גרויס עשירות. איין הויז אין דאָלינאַ, אַ קליינע דירה פֿאַר זיך

און אַ גרעסערע פֿאַר אַ קאַמיניק. איהר גאַנצע הכנסה איז דאָס שכר־דירה. זי איז זיך מפרנס אין דחקות.

פֿאַר זיך דאַרף זי גאָר ווינציג־וואָס. גאָר רחל'ע. פֿאַר איהר דאַרף קיין שום זאַך נישט זיין צו־טייער. זי איז אַ בת מלכה. איהר טאַטע, עליו השלום, איז געוועזען אַ בן מלך . . .

רחל'ע איז שוין אַ מיידעל פֿון דרייצעהן יאָהר. קלוג ווי די וועלט, געוואַקסען ווי אַ סאָסנע, בליהט ווי אַ רויז. חנה־לאה פֿאַרגינט זיך נישט רעכט זי אָנצוקוקען.

חנה־לאה רעדט שוין מיט איהר רחל'ע ווי מיט אַ'ן אַלטער חבר'טע. רעדט זיך פֿאַר איהר אויס דאָס האַרץ, דערצעהלט איהר שוין צום אַזויפֿיעל און אַזויפֿיעל'טען מאָל פֿון רחל'ס אייגענעם טאַטען עליו השלום; דערצעהלט איהר אויך אַלע דערלעבענישען פֿון איהר מיידעל־צייט.

ביים דערצעהלען פֿון א י י ן דערלעבעניש פֿלאַמען ביי חנה־לאה'ן די באַקען און אַ שכינה'דיגער אָבגלאַנץ פֿאַרברייט זיך אויף איהר גאַנץ פנים:

ווען זי, חנה־לאה, איז אַלט געוועזען צעהן יאָהר, איז גראָד דעמולט דער קיסר דורכגעפֿאָהרען די שטאָדט דאָלינאַ . . . כמעט אַלע קליינע מיידליך, אָנגעטהון אין

ווייסע קליידליך און מיט בלומעל אויפ'ן קאָפּ, זענען איהם אַקעגען־געגאַנגען. און זי, דעם דאַלינאַ'ר נגיד'ס בת־יחידה, און יאַדוויגאַ, דעם בעצירקס־ריכטער'ס טעכטעריל, זענען, מיט אַ גרויס בוקעט פון בלומען אין דער האַנד, געגאַנגען פון פאָרענט . . . דעמולט האָט דער קיסר, שמייכעלענדיג איהר אַ גלעט געגעבען איבער'ן בעקעל און זי געפרעגט אויף איהר נאָמען . . . יעדער האָט זיך פאַר'חדוש'ט. זי האָט איהם סמילעווע געענפערט . . . — „וואָס האָט זי געדאַרפט מורא האָבען? ער האָט דאָך אַזוי ליעב געשמייכעלט. דאָס גוטסקייט האָט איהם אַראָבגעשיינט פון זיין ליכטיגער צורה...“

אין חנה־לאה'ס האַרץ און חנה־לאה'ס מח פולט אויס דאָס דאָזיגע דערלעבניש. פון דעמולט אָן, אַ'ן היבש גרויס מקום. דאָס דאָזיגע חדוש'ליכע דערלעבעניש איז כמעט מיט איהר אינאיינעם אויפגעוואַקסען. פאַר אַלסדינג, וואָס ס'טהוט זיך ביים קיסר אין הויף, פאַראינטערעסירט זי זיך.

דעם ערשטען פרייטאָג נאָך איהר חתונה, ביים ערשטען מאָל ליכט בענשען, האָט זי (ס'איז ביי איהר אַ'ן הייליגער סוד) אין איהר שטילינקער תפלה אויך מתפלל געוועזען פאַר דעם לעבען און פאַר דעם געזונד פונ'ם קיסר.

ביי יעדעם עראייגניש פון זיין צער, ביי דער פטירה פון זיין בן־יחיד און דער פטירה פון זיין ווייב, האָט זי שטילענקערהייט ביי זיך אין שטוב פאַרגאָסען טרעהרען.

זי ווייסט אויף־נעווים, אַז איהר גוטער מאַן, עליו השלום, האָט אויך געפיהלט אַ גרויסע אַהבה און אַ שטאַרק דביקות צום גוטען קיסר.

רחל׳ע איז זיבצעהן יאָהר אַלט. שדכנים שלאָגען אָב די טירען, זיי לויבען רחל׳עס מעלות אין טאָג אריין, רעדען שידוכים — איינער בעסער פון׳ם אנדערען ... חנה־לאה שמייכעלט. פאַר רחל׳ען איז שוין, אָהן עין־הרע, אָנגעגרייט אַ קופערט מיט כל טוב, וועש, קליידער בעטציינג, צום נדן וועט זי זיך, ברוך השם, אויך ביי קיינעם נישט דאַרפען צו לייהען. אָבער — „ס׳איז אָנהויב זומער, זי, חנה־לאה, האָט אַ גאַנצען ווינטער ביטער געהוסט, איהר, חנה־לאה׳ן, האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט: הזהר והזהר, אַזוי ווי גאָט איז אייך ליעב, און אַזוי ווי אייער בת־יחידה׳לע איז ביי אייך טייער, איהר מוזט פאָהרען אויפ׳ן גאַנצען זומער „אויף לופט״. איהר מוזט אויך טרינקען מאַלקען ... וואָס זאָל זי איצט טהון מיט רחל׳ען? אין דער היים צוריקלאָזען קען זי זי נישט און וויל נישט. באין ברירה מוז זי זי מיטנעמען ... אם ירצה השם סוכות־צייט, וועט זי ערשט אמת׳דיג רעדען פון אַ שידוך.״

... און בלייבענדיג אַליין ביי זיך אין שטוב, זיפצט חנה־לאה: „וועה איז דער מאַמע, אין רחל׳עס שפייעכטס האָט זי פאַר פסח דערזעהען בלוט. שכנים טאָרען זיך, חס וחלילה, דערפון נישט דערוויסען, זיי מוזען מיינען, אַז

זי, חנה־לאה, דאַרף האָבען מאָלקען... דער דאָקטאָר זאָגט אַז ס'איז גאָר נישט. דאָס טרעפט זיך ביי יעדען מיידעל אין די דאָזיגע יאָהרען, ווען זי האַלט אין וואַקסען... פריהער נאָט און דערנאָך „די מאָלקען" וועט אַלסדינג גוט ווערען..."

א טאָג פאַר ערב יום כפור האָט רחל'ע, די בליהענ־דיגע רויז, אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטהעם.

די גאַנצע שטאָדט האָט געיאָמערט, געקלאָגט, אויף חנה־לאה'ן קוקענדיג. זי, חנה־לאה אַליין, איז געווען ווי פאַרשטיינערט.

ערשט יום כפור ביי „ונתנה תוקף" האָט זיך געעפענט איהר קוואַל פון טהרערען.

מוצאי יום כפור, ביים אַהיים־קומען אויס דער שוהל, האָט זיך חנה־לאה פאַרטיעפט אין דעם בילד פונ'ם קיסר. זי האָט שווער געזיפצט: „אויך ער האָט פאַרלוירען דאָס טייערסטע אין זיין לעבען!!!"

באַלד דאַרויף האָט חנה־לאה געשיקט רופען איהרע א שכנ'טע, אַ'ן אָרימע אלמנה, וואָס איהר טאָכטער איז געוועזען די בעסטע חבר'טע פון איהר רחל'ע. אַוועקגעגעבען איהר דעם גאַנצען קופערט מיט וועש, קליידער און בעטציייג. געזאָגט צו'ן איהר גאַנץ רוהיג: „דו מעגסט נדן כך וכך

צווּאָגען . . . דיין טאָכטער, זאָל געזונד זיין, איז א גאַנץ וואויהל מיידעל . . . אויך א יתומה . . . מיין רחל'ע, האָט זי ליעב געהאַט . . . זאָל איהר, דער טייערער נשמה, גיחא זיין אין קבר . . .

דעמולט איז חנה־לאה אלט געוועזען בסך־הכל פינף און דרייסיג יאָהר, אָבער צובראָכען ווי א שאַרבען.

דעם חשבון פונ'ם קומענדיגען האָט זי שוין געמאַכט, שפּאָנעל־נייע ווייסע תכריכים אָנגעגרייט.

זי לעבט נאָר מיט די בראָקען פונ'ם געוועזענעם.

פאַר זיך דאַרף זי האָבען ווינציג־וואָס, אָבער פאַר די נשמות פון איהר רחל'ע, פון איהר מאַן און פון איהר טאַטע־מאַמע איז נישט פאַרהאַנען צו־טייער.

נאָר צו'ן איין לעבענדיג נפש איז זי נאָך צוגעבונדען אין איהר צובראָכען לעבען: צום קיסר.

ווען זי הערט, אַז ער איז, חלילה, נישט בקו הבריאות ציטערן ביי איהר אַלע אברים: „ער מוז געזונד זיין, ער איז אַזא גוטער טאַטע פאַר אַזוי פיעל מיליאָנען קינדער!"

ווען חנה־לאה האָט דערהערט, אַז ס'איז אויסגעבראָכען די איצטיגע וועלט־מלחמה, איז איהר ערשטע דאגה געוועזען: „וואָס זאָגט ער, וואָס טהוט ער? ס'טייטש ער! ס'טייטש דער מלך, וואָס האָט פון תמיד אָן ליעב שלום, ס'טייטש

ער, מוז אויף זיינע אַלטע יאָהר אַריינגעריסען ווערען מיט געוואַלד אין אַזאַ מלחמה!"

חנה־לאה איז קיין וויען נישט אַנטלאָפען. נאָר עפּיס — זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי — מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט די אַנטלויפענדיגע. אָבער זייענדיג אין וויען איז איהר ערשטע מחשבה געוועזען נאָך איינמאָל אין איהר לעבען דעם קיסר צו זעהען.

. . . איך בין שטאַרק מסופק אויב ס'האָט עמיצער באַמערקט די אַלטע צובראָכענע יודענע, וואָס האָט זיך עטליכע טעג כסדר אַרומגעדרעהט אין דער נאָהנט פון'ם קיסר'ס הויף אין שענברון. אָבער — זי האָט איהם דער־זעהען ביי אַ פענסטער, זי האָט א י ה ם דערקענט: „דער קיסר, דער קיסר!"

אויף די געדיכטע פינסטערע וואָלקען פון חנה־לאה'ס איינגעקאָרטשעטע פּנים לייכטען אַרויס פונקעלענדיג צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען. דאָס אַלטע דערלעבעניש אויף איהר מיידעלצייט פלאַקערט ווידער אויף מיט זיין גאַנצען כח. זי האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט . . .

ער.

(מאַריענבאַדער נאָטיצען.)

אַ קליינע הקדמה:

אַ מענש וואָס זיין אויג איז מסוגל צו זעהען שענקייט, זעהט זי אין יעדער צורה אין וועלכער זי באַווייזט זיך פאַר איהם. ער זעהט זי אַלס שטילע, ציכטיגע צנועה, איינגע־הילט אין דער שנעע־ווייסער קלאָרקייט פונ'ם וועלט־באַשעפער, פאַרבאָרגען הינטער אַ סקאַלע פונ'ם טויזענדער־יאָהרען אַלטען פעלזענגעבירג; ער זעהט זי ווען זי טובל'ט, אין איהר אינברינסטיגער נאַכט־תפלה, דאָס ריינקייט פון איהרע בליקען אין דער בלאָהקייט פונ'ם הימעל — און די דאָזיגע בליקען שפיגלען זיך אָב פאַר אונזערע אויגען אין דער הימלישער בלאָהקייט און באַווייזען זיך אין דער צורה פון פונקעלינדיגע שטערען; ער זעהט זי, די שטילע, ציכטיגע צנועה, ווען זי גלעט מיט דער אייביג יונגער וואַרימקייט און ווייכקייט פון איהרע פינגער, די קאַלטע גראָהע קעפ פון טויזענד־יעהריג־אַלטע בוימער און זיי דער־נייערען זייער יונענדליכקייט, און זיי ציערען זיך פאַר איהר אין פריש־גרינע קריינען; ער זעהט זי ווען זי האַלזט און קושט איהר אַלטע מאַמע, די ערד, ווען דער בשמים־הויך

פֿון איהרע צניעות'דיגע ליפּען כשופ'ט אַרויס, אויף דער זקנה'ס איינגעקאָרטשעטע פּנים, יוגענדליך בליהענדיגע רויזען, באַציערט מיט פּרעכטיגע פֿאַרבען און אָנגעפּולט מיט גן־עדן־ריח.

א מענש, וואָס זיין אויג איז מסוגל צו זעהען שענקייט, זעהט זי אויך אין דער צורה פֿון אַ פֿאַרגליווערטער, פֿאַרשטאַרטער לילית, ווען זי פֿאַרברייט אַרום זיך, פֿון איהר אייבּיגער קאַלטקייט, אַ ציטערענדיגען גלאַנץ, און ס'ווייזען זיך פֿאַר אונז פֿעלדער, ווייטע און ברייטע פֿעלדער פֿון גליצער־רינדיגען אייז, באַדעקט מיט שנעע; און ער זעהט זי אויך אין דער צורה פֿון אַ פֿאַרשאַרטער, ווילדער מכשפה, רייטענדיג אויף שוואַרצע וואָלקען מיט חוצפה'דיג־צולאָזטע פעך־שוואַרצע האָר־לאָקען, ווען זי בלאָזט אַרויס, טייוולישׁ שמייכעלדיג, אַ באָרא אויס איהרע פֿולע באַקען און רודערט אויף די כוואַליעס פֿונ'ם ים... אָדער ווען אויס איהרע אויגען שפּריצט אַ פֿייער־רעגען און זי קוועלט אָן, און זי טאָפּעט זיך אין נחת, צוזעהענדיג — ווי די ערד ציטערט און די בערג טאַנצען.

א מענש, וואָס זיין אויג איז מסוגל צו זעהען שענקייט זעהט זי אויך אין די כדומה'דיגע פֿאַרשידענע פֿאָרמען, וואָס די מענשען האָבען פֿאַר זיך אַליין אַרויס־געפֿונען און אַליין געשאַפֿען אויף צו פֿאַרשענערען דעם באַשעפֿער'ס וועלט און כדי באַקוועמער און אָנגענעמער צו מאַכען זייער פֿאַרוויילען

אין איהר... ער זעהט זי אין יעדער צורה, אָנגעהויבען פֿונ'ם גאוה'דיגען סטיל אויף צו בויען פּאלאצען ביז צום ענוה'דיגען פֿאָרמען פֿון א זאַץ אויף אויסצודריקען א גערדאַנק, פֿונ'ם בלישצענדינען ברילאַנטען־גלאַנץ ביז צו דער מאטער פֿארב פֿון א בילדמאָהלעריי.

און איך זאָג אייך: שענקייט האָט נאָך א שוועסטער, א צווילינגשוועסטער, כמעט א צונויפֿגעוואקסענער צווילינג. איהר נאָמען איז „פֿרעהליכקייט".

און איך זאָג אייך: א שווארצזעהער, א מיאוס־מאכער אין א שענער, ליכטיגער, סביבה, איז א פֿאַריאָהריגע, פֿאר־טרוקענטע הושענא אין א פֿריש־בליהענדיגען בלומענגאָרטען. און אַ'ן אומעדוגער ביי דעם קול פֿון א תמימות'דיג קינדיש געלעכטער, א פֿארוויינטע נשמה ביי דעם קלאַנג פֿון פֿרעהליכער מוזיק איז א פֿארוועגדט „איכה"־בלעטיל אין „שיר השירים".

א.

מאַריענבאַד כ״ב תמוז תרס״ח.

מאַריענבאַד, דאָס קליינע בעהמישע שטעדטעל, איז אין אַ שענעם זומערטאָג, איינגעטונקען אין נאַטור און קונסט־שענקייט, און אָנגעזאַפּט מיט פעטער פרעהליכקייט. די סאַמעט־ווייכע טהאָל־לופט אָנגעפּולט מיט אַ מחיה־נפש׳דינען ריח פון די אַרומיגע פיכטען־וועלדער, די פרעהליכע מוזיק ביי דער וואַלד־קוועלע און אין דער „קאָלאָנאַדע״, דער פרישער גלאַנץ פון יונגענדליכע פּנים׳ער, דער טענצעל־דינער שפּאַצירגאַנג פון „לעבעדיגע בלומען״ ביי דעם קלאַנג פון אַ שטרויס־וואַלצער, זיי האָבען אין זיך דעם כח צו פאַר־כשוף׳ן דעם שטאַרקסטען מרה־שחורה׳ניק אז ער זאָל פּלוצים מגולגל ווערען אין אַ כסדר־טאַנצענדיגער חצופה.

פון פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע מקומות קומען קיין מאַריענבאַד מענשען, מאַנסבילדען און ווייבער, וואָס דאָס רוב פון זי האָט אַ משונה׳דיג חולאת: „איבריגע פעטקייט.״

אים ווינטער איז דער טאָג צו קליין אויף אָבצורעכטען תעניתים און אין דרויסען איז צו קאַלט אויף צו מאַכען נענועים מיט׳ן גוף. על כן איז מען כסדר אין אַ וואַרמער שטוב, מ׳עסט מעדני־מלכים, מ׳טרינקט די טייערסטע משקה

און מ'טהוט זיך אָן כל'ערליי תענוגים. ווייסט אָבער דער גוף קיין חכמות נישט. פֿון כסדר'דיגען נישט־אַרבייטען, נור עסען און טרינקען, זאַמעלט זיך ביי איהם אָן אַ מין פֿעטקייט, וועלכעס איז איהם שווער צו דערטראָגען, און ער פֿראַהכט אַזוי אַז ער קען דעם אָטהעם ניט כאַפּען.

דערפֿאַר בעקומט ער זיין עונש אים זומער. מ'שלעפּט איהם קיין מאַריענבאַד. דאָרט מוז ער אָבקומען פֿאַר אַלע ווינטערדיגע חטאים. מ'אַרבייט מיט איהם ממש עבודת־פּרך: זיינער זעקס אין דער פֿריה מוזט דו, זינדיגער גוף, דיך אַראָבכאַפּען פֿונ'ם בעט, לויפֿען צו דער „קאָלאָנאַדע" און אויסטרינקען אויפֿ'ן ניכטערען מאָגען עטליכע כוסות וואַסער פֿונ'ם „קרייצברונען." צווישען איין כוס און צווייטען טרעסע דיך אַרום אַ פֿערטיל שעה פֿון איין עק קאָלאָנאַדע צום אַנדערען עק. דערנאָך אין באָד אַריין. דערנאָך דראַפּע דיך אַרויף אויף אַ הויכען באַרג, און דאָרט, אין דעם קאַווע־הויז, וואָס געפֿונט זיך צווישען די בוימער, כאַפּ אויף דיר אַ'ן אָנבייסען נור אַבי אַזוי, אַבי צו דערהאַלטען דאָס חיות: עטליכע לויזע אייער, עטליכע שטיקלעך דאַרען צוויבאַק באַשמירט מיט פּוטער און אַ פּאָרציע קאַווע מיט מילך. שפּעטער געה אַהיים, לעג דיך אַנידער נאַזענדיג, מחילה, ווי די מאַמע האָט דיך געבוירען, און לאָז אַ גבורה'דיגען יונגאַטש מיט זיינע לאַבעס אויסקנייטען אַלע דיינע אברים, און מיט זיינע עלענבויגען אַרומטאַנצען אויף דיין בויך. — באַלד געהט אַ סדרה טרינקען וואַלדקוועלע און אויסגאָרגלען דעם האַלז. דערנאָך ביזט דו שטאַרק הונגעריג. לויף עסען

דאָס מיטאָג־מאָל. דו מעגסט עסען אַ שטיק פֿיש און אַ געבראָטענע לעדוויצע און אַ געבראָטען הענדעל. דו מעגסט דערצו עסען שאָר ירקות: מייערן, שפּינאַט, וכדומה. דו מעגסט אויך עסען איינגעמאַכטס פֿון פֿאַרשידענע פּירות. אָבער ברויט, חלילה!... העכסטענס אַ קליין בולקאַלע, גרוים ווי אַ כזית... טייגעכטס און אַלע מאכלים וואָס זענען גע־באַקען אָדער געקאָכט מיט מעהל, הזהר והזהר... אַפּילו אויף לאָקשען מיט יויך איז חל דער איסור — און אַצונד מ׳שטיינס געזאָגט, נאָך אַזאַ מיטאָג עסען, געה דראַפּע דיך אויף די הויכע בערג, דראַפּע דיך שעה׳ן לאַנג פֿון איין באַרג צום אַנדערן, ביז דו וועסט קומען אויף דעם שפּיץ פֿון דעם העכסטען באַרג און דאָרט — וועסט דו ווידער כאַפּען עטליכע לויזע אייער, אַ קאַווע, אַ גלעזערנע שיסעל מיט זויערמילך, אַ פֿרישע פּאַסטראָנגע געבראָטען אין פּוטער... דערנאָך, אַראָב פֿון די בערג, פּוץ דיך אויס ווי אַ ליאַלקע און געה ווידער צו דער קאָלאָנאַדע . . . שפּעטער לויף עסען וועטשערע: ווידער פֿיש, ווידער פֿלייש, ווידער שאָר ירקות, ווידער איינגעמאַכטס, אָבער, למען השם, אַלסדינג נור מיט אַ כזית־בולקאַלע. זעהסט דו! נאָך דער וועטשערע מעגסט דו שוין געהן פּאַמעליך אין טעאַטער אַריין, נאָך׳ן טעאַטער אַביסעל שפּאַצירען אויף דער קייזערשטראָס, זיך אַריינכאַפּען אין אַ קאַוועהויז, אָדער אַ צוקערניע, אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע, עסען אַ פּאָרציע געפֿרוירענס, אָדער אַפּילו אַ נאַש טהון פֿון די זיסע זאַכענעס... אָבער אַזוי ווי נאָט איז דיר ליעב, נישט אַזעלכע

וואָס זענען געבאַקען מיט מעהל... הזהר והזהר! האָסט אויף דיר גענומען תעניתים, מוזט דו האָבען דעם כח זיי אריבער צו טראָגען.

און ווען דער אָרימער גוף פון אַ זינדיגען בשר ודם איז פונ'ם דאָקטאָר פאַרמשפּט צו'ן אַזאַ ווייטער נסיעה און צו אַזעלכע ענוים קשים. און ווען די בוזעם-קעשענע פון דעם דאָזיגען זינדיגען בשר ודם ליידט אויך די חדוש'ליכע קרענק פון „איבריגע פּעטקייט", פאָהרט ער נישט אַליין. ער נעמט מיט זיין בני בית, אָדער זיינס אַ דערוואַקסען מיידעל, אַ דערוואַקסענעם בחור. מ'איז נישט אַליין אין דער פרעמד. אגב זאָל זיך יונגוואַרג אויך אַביסעל אָנקוקען די גרויסע ווייטע וועלט.

און ווען מ'וויל זיין לייטען גלייך, און ווען מ'וויל אַז יונגוואַרג זאָל נושא-חן זיין ביי גאָט און ביי לייטען, מוז מען דאָס יונג-וואַרג אויספּוצען אין די שעהנסטע און טייערסטע מלבושים, מוז מען עס „באַהעננגען מיט פליטערליך".

אויף יונגוואַרג איז נישט חל דער איסור צו קאַווע, לויזע אייער, פיש, פלייש, שאַר ירקות און איינגעמאַכטס, צו-צו-בייסען בולקעס, אָדער צו עסען טייגעכטס און אַלע מאכלים וואָס זענען געבאַקען אָדער געקאָכט מיט מעהל... יונג-וואַרג איז נישט מחויב זיך צו דראַפּען אויף די הויכע בערג, כדי צו דערגרייכען דאָס קאַווע-הויז וואָס געפינט זיך דאָרט אויף דעם שפּיץ פון דעם העכסטען באַרג, צווישען בוימער. יונג-וואַרג מעג אַהין געהן פּאַמעליך דורך די וועלדער און אַלע מאָל אָברוהען אויף די דאָרט אָנגעגרייטע שטיינערנע בענק.

און ווען יונג־ווארג קומט זיך צונויף אין אזא שעהן מקום, וואו ס׳געפונט זיך כשופ׳דיגע מוזיק און מ׳באגעגנעט זיך אזוי אפט אין מחיה־נפש׳דיגע וועלדער, איז דעם דאזיגען יונג־ווארג כסדר יום־טוב׳דיג אויפ׳ן הארצען. פאר זיי איז דער הימעל פול באהאנגען מיט פידאליך. מען מוז נישט ווארטען אויף די כלי־זמר, ס׳טאנצט זיך אליין.

הויך לזה טהון אויך די שטאדט־בעלי־בתים זייערס פאר זייערע זומער־געסט, אויף אנצוטהון זיי אביסעל תענוג אט מאכען זיי איינמאל, און אפט צווייטמאל, אין וואך, א טאנץ־אבענד אין דעם גרויסען קורזאל. און יונג־ווארג לעבט, יונג־ווארג הוליעט, יונג־ווארג טאנצט זיך דורך, יונג־ווארג דערוואַרעמט זיך דאס בלוט.

איינמאל אין חודש, און אפט צווייטמאל, מאכען נאר די דאזיגע שטאדט־בעלי־בתים אויך א חידוש׳לעך שפילעכעל פאר די גרויסע, אויסגעוואקסענע און איבערגעוואקסענע קינדער: אויף א דראהט, וואס איז געצויגען אין דער הויך אויף ביידע זייטען פון דער קאלאנאדע, זענען אויסגעהאנגען קליינע, אין רויט, בלאה, גרין און רויזיג פאפיער איינגע־הילטע, לעמפלעך. איבער דער גאנצער לענג און ברייטקייט פון דער קאלאנאדע גיסען אויס עלעקטרישע לאמפען א שטראם פון ליכטיגקייט. אויף דעם פלאץ, נאהנט פון דער קאלאנאדע, באווייזט זיך בענגאליש פייער, און, ווי פליהענ־דיגע שלאנגען אין דער לופט, באווייזען זיך ראקעטען אין לייכטענדע רעגענבויגען־פארבען. דערצו שפילט די מוזיק מיט איהר גאנצען כח די לוסטיגסטע זמר׳לעך.

דעם עולם, יונג און אלט, וואָס נעפֿונט זיך דעמולט אין דער קאָלאָנאַדע, פּאַקט פּלוצים אַ מין דאָרפֿישע ווילד־קייט. באַקענטע און אומבאַקענטע מענשען, יונגעטשקע צוצעקלעך און גרייז־גראָהע בעלי בתים פֿולען אָן זייערע זשמעניעס מיט קליינע, בלאָהע, גרינע און רויטע שטיקלעך פּאַפּיער און באַוואַרפֿען איינער דעם אַנדערען אויף די קעפּ, אין פּנים אַריין, און וואו אהין מען טרעפֿט נור. מ׳שטיפֿט און מ׳לאַכט און ס׳איז הפקר פּיעטרישקע.

עיקר שכחתי: יונגוואַרג איז יונגוואַרג, אָבער טאַטע־מאַמע זענען אויך נאָך נישט קיין פֿאַרלעגערטע סחורה. איבערהויפּט די מאַמע פֿון אַ טאַנצנעדיגער טאָכטער, די גביר׳־ענטע, זי איז אויך נאָך נישט אַזוי אַלט. טייערע מלבושים מיט אַ ביסעל רויטען פּודער געלאַטעטע פּנים־קנייטשען מאַכען זי נאָר יונג, דערצו איהר צירונג: גרויסע ברילאַנ־טענע אויער־רינגלעך, מיט ברילאַנטענע רינגלעך באַשטעקט די פֿינגער פֿוןביידע הענד. אַ מעדאַליאָן אָנגעפֿולט מיט פֿונקעלדיגע ברילאַנטען, באַהעפֿט מיט אַ גילדענער נאָדעל אָן דעם זיידענעם לייבעל, פֿון פֿאָרענט, און נאָך.

אָט דאַרויף איז מען דאָך אַ גביר׳ענטע. צו־וואָס דאַרף מען צירונג, ווען נישט אויף אַ מאָל צו ווייזען לייטען ווער און וואָס מ׳איז ? !

און וואו אהין מ׳קעהרט זיך, און וואו אהין מ׳ווענדט זיך אין מאַריענבאַד, אים קורזאַל, אים טעאַטער, אין דער

קאַלאָנאַדע, אין די רעסטאָראַציעס, אין די קאַווע־הייזער, אין די צוקערניעס און אויף דער קייזער־שטראַס, בייטאָג און אָבענדס, ביי די ליכטיגקייט פון דער זון און ביי דער ליכטיגקייט פון די עלעקטרישע לאַמפּען, בלישטשעט פאַר די אויגען; דער גלאַנץ פון בריליאַנטען, ס'פונקעלט ס'בלישטשעט... אָבער צו שטאַרק גלאַנצען טאָרט איהר נישט, חלילה! אַט, אַט דערזעהט איהר אונטער דעם בלענדענדיגען גלאַנץ געל־גרינליכע פנים'ער.

אזוי איז היינט פלוצים געוואָרען אַ מרידה צווישען די גביר'טעס. און וואָס פאַר אַ מרידה! ממש אַ'ן איבערקעהרעניש. מ'שושקעט זיך, מ'סוד'עט זיך, מ'ווייזט מיט'ן פינגער... מ'לאַכט כלומר'שט, אָבער מיט „יאַשטשערקעס"... וואָס איז? אַ ניי־אָנגעקומענע גביר'טע איז באַהאָנגען מיט גרויסע, קיי־לעכדיגע, שניי־ווייסע פעריל, סאַפּירען און בריליאַנטען, זי טראָגט אויף זיך אַ מיליאָנען־צירונג.

אין דער התחלה פּרובירט מען זיך חוזק צו מאַכען, מ'זאָגט גלייכגילטיג:

— „נאָט'ס און פּרעמד'ס, ביי שכנים אויסגעבאָרגט צירונג!

— „איהר מאַן האָט אודאי אין דער היים אַ צירונג־געוועלב און זי האָט זיך געביך אהער געשלעפּט מיט'ן גאַנצען אויסלאָג פונ'ם פענסטער. נאָר נאָך די שויב האָט זי פאַרגעסען מיטצוברענגען."

ס'פאַרדריסט אָבער פאַרט, ס'פּיקעט, די גאַל שפּרינגט, מ'שפּייט שוין, מיינע שונאים, מיט גרינליך בלוט:

— אַזאַ מכוערת! קוקט נור אָן ווי די נאָז איז ביי איהר פאַרדרעהט אַרויף!"

— ס'שטעכט אויס לייטען די אויגען. מ'וואָלט גע־דאַרפט בעטען דעם בירגערמייסטער ער זאָל איהר פאַרביע־טען זיך צו ווייזען אויף דער גאַס מיט אַזוי פיל צירונג!"

דער שפּאַציר־גאַנג אויף דער קיסר־שטראָס איז היינט אַ ביסעל שיטערער. אין די צוקערניעס און אין די קאַווע־הייזער זענען היינט דאָ לעדיגע בענקליך. מ'זאָגט אַז אַ סך פון די גביר'טעס האָבען היינט אין דער היים זיך אָנגע־ברוגז'ט:

„מ'שטיינס געזאָגט זייער צירונג!... מ'זעהט ערשט די דאָליע, וואָס מ'האָט ביי אַ מאַן... מ'דאַרף נישט זיין וואויל און פיין, נאָר מזל מוז מען האָבען..."

פלעקען באַווייזען זיך אויף דער זון... אויפ'ן קיסר־שטראָס איז היינט דער שפּאַצירגאַנג שיטערער... דערפאַר איז צו האָפען, אַז מאָרגען וועט זיך דער ברילאַנטען־גלאַנץ אין מאַריענבאַד פאַרמעהרען. די צירונג־געוועלבען אין דער קיסר־שטראָס וועלען אי"ה מאָרגען מאַכען „ברילאַנטענע געשעפטע".

ב.

— כ״ג תמוז.

...איז דאָס מענשליכע אויג מסוגל צו זעהען די פאַרב פון א קול? און איז דאָס מענשליכע אויער מסוגל צו הערען דאָס קול פון א פאַרב?

קען מען אין דעם קלאַנג פון דער פרעהליכקייט דער־קענען די צורה פון דער שענקייט און קען מען אויס דער צורה פון דער שענקייט אַרויסהערען דעם קלאַנג פון דער פרעהליכקייט?

מיינער א נאָהנטער באַקאַנטער איז א שטאַרקער מפונק, זיין אויג פאַרכמאָרעט זיך ביים אָנבליק פונ׳ם קלענסטען פלעק. זיין הארץ בענקט נאָך זויבערקייט, נאָך ריינקייט, נאָך זויבערקייט אין דער נאַטור און ריינקייט אין דעם מענשלי־כען התנהגות. ער לעכצט נאָך צניעות׳דיגער שענקייט׳ חנ׳עוודיגען גלאַנץ און ענוה׳דיגער פרעהליכקייט.

ביים מאַריענבאַדער מיש־מאַש פון ווילדער, רעש׳דיגער לוסטיגקייט, מיט דעם בלישטשענדיגען גלאַנץ פון זייד און ברילאַנטען, ווערד אמאָל אויך א מיש־מאַש אין זיינע חושים. פון דעם בלישטשענדיגען זייד־און ברילאַנטען־גלאַנץ הערט זיין אויער אַרויס דאָס גרילצענדיגע געלעכטער פון א מופקרת, און אויס דער אויסגעלאַסענער לוסטיגקייט באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגען א גרויליך בילד פון שמוצ׳גקייט, איבערגעצויגען פון אויבען מיט א דין־רויזיג הייטעל.

אמאָל ווערד ביי איהם נאָך איין חוש מבולבל: אויס דער אויפגעבלאָזענער פוסטקייט פון דער נאַרישער עשירות׳־

דינער גאוה, דערפיהלט ער אין עקעלדינגען ריח פון אַנגעזאַ־מעלטען שוויים.

דעמולט אנטלויפט ער פון דעם דאָזיגען געטומעל אין איינעם פון די שטילע וועלדער, וואָס געפינען זיך אויף די אַרומיגע בערג. ער אַנטלויפט כמעט פאַר זיך אַליין, פאַר זיינע מבולבל׳דיגע חושים.

היינט נאָכמיטאָג זיצענדיג אויף אַ שטיינערנער באַנק אין דעם וואַלד, וואָס געפינט זיך אויף דעם באַרג, וועלכען מ׳רופט „מיראַמאָנט״, האָב איך איהם פון דערווייטענס דער־זעהען שטעהען פאַר׳מחשבה׳עט ביי אַ סאָסנע.

ער אַליין כמעט אַ סאָסנע, אין דער געשטאַלט פון אַ מענש. גראָב און הויך געוואַקסען, שטאַרקע אברים, ברייטע אַקסלען און אויף די דאָזיגע אַקסלען זיצט אַ קאָפּ — אַ בילד פאַר אַ קינסטלער צום מאָהלען: דאָס פנים טיעף־ברונעט, דער שטערן הויך און ברייט, און צוויי לייכטענדי־גע אויגען קוקען אַרויס אויס געדיכטע, שווארצע ברעמען. דערצו די געדיכטע שוואַרצע האָר אויף דעם קאָפּ און די שען געפאָרמטע שוואַרצע באָרד.

דאָס פנים נאָך זעהר יונג, אָבער אויף דעם קאָפּ און אין דער באָרד באַווייזען זיך שוין איינציגע גראָהע האָר.

ער שטעהט ביי דער סאָסנע און קריצט אין איהר אריין אותיות. דאכט זיך יודישע. ער פיהרט זיין האנד פון דער רעכטער צו דער לינקער זייט.

ווען ער דרעהט זיך אום, און דערווייטערט זיך טיעף אין וואַלד אריין, נעהנטער איך מיך צו דער דאָזיגער סאָס־

נע און געפֿון אַריינגעקריצט אַ העברעאישען שיר. איך לייען איבער, און בלייב שטעהן ווי פֿערכשופֿ׳ט. די שענע אגדה פֿונ׳ם מדרש: „אַז, אין דער רגע וואָס גאָט ברוך הוא האָט אויפֿ׳ן באַרג סיני אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אנכי“, איז די גאַנצע טבע פֿאַרשטאַרט געוואָרען אין אַ טיפֿען שווייגען. די זינגענדיגע פֿייגעל האָבען איינגעצויגען זייער אָטעם. די לופֿט האָט פֿאַרלוירען איהר כח צו באַוועגען אַ גרעזיל, אפילו אַ פֿליעג האָט דורך איהר זשומען נישט געשטערט דאָס דרך־ארץ׳דיגע שטילשווייגען“; אָט די דאָזיגע שענע אגדה איז געגאָסען מיט שוואַרץ־פֿייערינע העברעאישע שפּראַכפֿאַרבען אויף אַ ווייס־פֿייערדיג בילד פֿון געצילעטע שיר־פּעריל. אוים די תנועות און חרוזים הערט מען אַרויס דאָס פֿלאַטערען פֿון די סטרונעס אין דעם דיכטער׳ס נשמה —ווען זי זאָגט שירה.

ג.

— כ״ד תמוז.

נישט בלויז עשירים מיט איבעריגער בויך־און קעשענע פֿעטקייט. נישט בלויז נגיד׳עססעס מיט בלישטשענדיגען צירונג, קומען אים זומער קיין מאַריענבאַד. דאָס קליינע בעה־מישע שטעדטיל, מיט זיין רייכער נאַטור־און קונסט־שענ־קייט, ציהט צו זיך צו נאָך אַ סאָרט פֿון עשירים: באַזיצער פֿון קולטור־אוצרות, פֿון געדאַנקען־און געפֿיהלס־עשירות.

אַ גאַנץ יאָהר איז יעדער פֿון זיי אַ׳ן איינענע מסכתא, אַ וועלט פֿאַר זיך. אַ גאַנץ יאָהר איז יעדער פֿון זיי עוסק אין

דער הלכה, וואָס זי פֿילט פֿאַר איהם אויס זיין גאַנץ טראַכטען און פֿיהלען, אַ גאַנץ יאָהר אַרבייט יעדער פֿון זיי מיט אַלע כחות אין זיין אייגענער גייסטיגער ווערקשטאָט, זוכט אַ פתרון פֿאַר פֿאַרפלאָנטערטע רעטענישען, פּרובירט זיך פֿאַר איהר שאַפֿען „נייע ווערטע" אָדער לכל הפחות אַרויספֿדרוקען אויף איהר מטבע זיין אייגענעם חותם.

ער קומט קיין מאַריענבאַד זיך אַביסעל אַרויסטרייבען דעם זשום פֿונ'ם קאָפּ, איינאָטעמען מחיה־נפש'דיגע לופֿט, באָדען זיין גייסט אין גלאַנץ און שענקייט, און, פֿון דעם פֿרישען קוואַל פֿון לעבען, שעפּען נייעם כח פֿאַר זיין וויטערדיגער אַרבייט.

אין די שטילע ד' אמות פֿון זיין הלכה האָט ער זיך כסדר געפֿונען אין אַ רעש, אין אַ געטומעל פֿון איהם אייגען־געוואָרענע און איינען־געבוירענע גייסטיגע בעשעפֿענישען, און דאָ, אין דער פֿאַר איהם רעש'דיגער פֿרעמדער סביבה, מיט איהר פֿאַר איהם פֿרעמדער שטורמעדיגער טרייבעריי, גראָד דאָ וויל ער פֿאַר זיין גייסט, אויף אַ קורצער צייט, געפֿונען שטילקייט, וויל ער האָבען התבודדות.

ער וויל, אָבער „אַרום אַ פֿיקסען שטערען באַוועגען זיך פּלאַנעטען". האָט אַ מענש עפּיס צו זאָגען פֿאַר דער וועלט, דאַן איז אין איהם פֿאַרבאָרגען אַ געהיימער כח צו זיך צוצוציהען די נשמות וואָס בלאָנדזשען אַרום אויף דעם עולם התהו און ווילען האָבען אַ תיקון דורך אַ ניי וואָרט...

נאָך כמעט אײדער זײ האָבען זיך גענוצט, געפֿונען זיך אין דער פֿרעמדער דערינגנו, װאָס דאַרפֿען זיך געפֿונען, באַלד, זאַמעלט זיך אָן אַרום יעדען גרױסען מענש אַ׳ן אײגענע כנופיא.

אָפֿטמאָל האָט אײן כנופיא מיט דער צװײטער װעניג־װאָס שײכות. יעדע כנופיא איז אַ װעלט פֿאַר זיך, איז עוסק אין אַ׳ן אַנדערער הלכה. און אַ מענש, װאָס זײן אױער איז מסוגל צו הערען דאָס פֿליגעל־קלאַפּערן פֿון אַ נײער מחשבה, און זײן אױג איז מסוגל צו זעהן איהר גלאַנצענדיג אױפֿבלי־צען; דער דאָזיגער מענש זעהט אין דער לופֿט, איבער די פֿאַרשידענע כנופיות, פֿליהענדע גײסטיגע ראַקעטען, אין רעגענבױגען־פֿאַרבען: אין דער פֿאַרב פֿון פֿילאָזאָפֿיע, פֿון דיפּלאָמאַטיע און סאָציאָלאָגיע, פֿון נײ־אַנטפּלעקטע שטערען, פֿון כל׳ערלײ קונסט און ליטעראַטור, און אפילו פֿון חדושי תורה אין הלכה און אין אגדה.

אױך ער, מײן נאָהנטער באַקאַנטער, איז אַהער געקו־מען. ער איז אַ׳ן אױסנאַהם. צו איהם האָט יעדע כנופיא אַ שײכות. אַ חדוש׳ליכער מענש. אין זײן נשמה שפּילען די פֿאַרשידענע פֿאַרבען, פֿון די װעלט חכמות, אײנע אין דער אַנדערער, און פֿאַר אונזער גײסטיג אױג באַװײזט זיך אַ׳ן אײניג־אײנציגען בילד, מיט אַ נײ ענטשטאַנענער פֿאַרב, אין זײן פֿולען גלאַנץ.

ס׳טרעפֿט זיך בײ איהם אַמאָל, אַז אינמיטען אַ שקלא וטריא אין דער סוגיא פֿון „שיקול הדעת״, בײ אַ באַ׳טעמ־טער סברה אין דער סוגיא פֿון „טעם כעיקר״, בײ דעם

חריפֿות'דיגען קנייטש פֿונ'ם מהרש"א, ביי אַ בליצענדיגען אויפֿטהו פֿונ'ם מהר"ם־שיף; דעמולט ווען ער זינגט זיך צו, מיט זיין ווייך־ליבליך קול, דעם אַלט־בעקאַנטען נגון; גראָד דעמולט פֿולט זיך זיין הארץ אָן מיט ווייכער ליבליכקייט. פֿאַר איהם באַווייזט זיך אַ חלומ'דיגע ערשיינונג, זיין אויער הערט דעם זיסען קלאַנג פֿון טרילערענדע פֿייגעל, זיין אויג זעהט דעם דאָזיגען קלאַנג זיך אַרומוויקלען מיט זון־שטראַ־לען, און ס'ווערד ביי איהם פלוצים באַשאַפֿען אַ ווייך־זיס גלאַנצענדיג „ליריש־געדיכט".

אין זיין ש"ס, וואָס ער קען עס כמעט דף־על־דף אויסענווענינ, זענען די הלכה און די אגדה נישט אָבגעזונ־דערט פֿון איינאַנדער. אין דער אגדה אַנטפלעקט ער די טיפֿקייט און שאַרפֿקייט פֿון דער הלכה און איבער דער הלכה זעהט ער אַרומשוועבען די וייסע מלאכים־פֿליגעל פֿון דער אגדה.

אָנגעזאַפּט מיט דעם בליטהען און בשמים־שטויב פֿון ערנסטער וועלט־וויסענשאַפֿט און שענער ליטעראַטור, ווערד אין זיין נייסט אַלצדינג פֿאַרוואַנדעלט אין גלאַנץ און שענקייט. אפילו דאָרט וואו ס'דאַכט זיך יעדען, אַז ס'איז גלאַט, פשוט, מאַט אין פֿאַרב און ווינציג פֿון אָנזעהען „הויבט ער אויף דעם שערב און געפֿונט אונטער איהם אַ פערל".

דער שאַרפֿער בליק איז דאָס איינציגע ווערקצייג אין זיין גייסטיגער ווערקשטאַט. ער זעהט און ווייסט וואָס ער זעהט. ער לערנט אָב דעם סתום פֿונ'ם מפורש, דאָס וואָס

ס'איז אָרעם אין ווערטער אויף איין אָרט פֿון דעם וואָס ס'איז רייכער און בפירוש'ער אויף אַ'ן אַנדער אָרט.

אַלע חקירות און פֿילאָזאָפֿיען זענען איהם בעקאַנט. פֿאַר יעדען פּראָגרעס האָט ער אַ גרויס אינטערעס. מיט אַלע בעשטרעבונגען, צו תקנות און פֿערבעסערונגען, אין דער מענשליכער חברה, פֿיהלט זיין האַרץ ווארם מיט. פֿונדעסטוועגען האָבען זיי אויף איהם נישט דעם כח, איהם אַרויסצורייסען פֿון זיינע ד' אמות, איהם צו איבער'אַנדער־שען אין זיין בירושה'דיג התנהגות.

אַ זינגענדיגער פֿויגעל אין אַ גילדען שטייגעל. דער דרך־ארץ פֿאַר אַלע רייד פֿון זיינע פֿאָלקס־נביאים און חכמים, די צונעצוינענקייט צו דער צניעות'דיגער שענקייט אין די מדות און מנהגים פֿון זיינע אבות, און סוף־כל־סוף די קינדערליכע ליבשאַפֿט צו דער שאַרפֿקייט פֿון זייער גייסט און צו דעם חנ'עוודיגען גלאַנץ פֿון זייער פֿאַנטאַזיע; אָט דאָס איז דער שענער פּאַלאַץ, אין וועלכען זיין גייסט און זיין פֿאַנטאַזיע האָבען זיך פּריווילעגיע איינגעשלאָסען. אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ פֿיהלען זיי זיך פֿריי. זיי זענען כסדר אָנגעטהון יום־טוב'דיג, איינגעהילט אין הייליגער ליכטיגקייט און אין מלאכים־שירה פֿון אַלטע אגדות.

אויך זיין התנהגות, אַ גאַנץ יאָהר, אין זיין היים, ביי זיין פֿאַרקעהר מיט די מענשען וואָס קומען מיט איהם אין באַריהרונג, קען קיינמאָל אַנדערש ניט זיין אַלס אַ יום־טוב'דיגס. ער איז אַ שטאַרקער מפונק, זעהענדיג דאָס מיאוסקייט פֿון פּוסט־חוצפּה'דיגער גאוה, דערפֿיהלענדיג דעם ריח פֿון דעם

מינדעסטען עם־הארצ׳ישען נבול־פה, ווערען ביי איהם פֿאַר־ציטערט אַלע אברים. ער פּיהלט פּלוצים אַז זיין נשמה איז איינגעשמירט, זי דאַרף האָבען טבילה.

ער האָט אַ משוגה׳דיגע שמחה, ווען ער געפֿונט זיך אין געזעלשאַפֿט פֿון מענשען, וואָס ער דערקענט ביי זיי אַ מין עדעלקייט אין זייער דענקען און אין זייער פּיהלען. ער גלעט זיי, ער לאַשטשעט זיך אַרום זיי כמעט קינדיש — אפילו ווען זייערע מחשבות זענען וויט, וויט, פֿון זיינע אין פֿיעלע ענינים.

און ס׳פּאַקט איהם אַ מורא׳דינע אומעדינקייט, ביי יעדער הסכמה, ווען ער פּיהלט פֿון איהר אַרוים דאָס גראָב־קייט פֿון חנופה.

יום־טוב׳דיג, אַ גאַנץ יאָהר יום־טוב׳דיג, איצט איז ער געקומען קיין מאַריענבאַד מיט דער כונה, ווענינסטענס אויף אַ קורצער צייט, אַזוי פֿיעל וויפֿיעל ס׳איז מעגליך, וואָכענדיג צו ווערען. ער וויל פּרובירען אַרומטענצלען ביים קלאַנג פֿון דער מוזיק, פֿריי אַרומלויפֿען אין די אַרומיגע וועלדער, און לאַכען מיט די לאַכענדיגע.

אָבער דוקא ער, וואו־אַהין ער קעהרט זיך און וואו־אַהין ער ווענדט זיך, פּיהלט ער אויף זיך דעם בליק פֿון פֿאַראיבערגעהענדע. אַזוי ווי אַלע זאָלען זיך האָבען אָבגערעדט אויף איהם אַכטונג צו געבען, אַז ער זאָל חלילה אויף אַ רגע נישט ווערען וואָכענדיג.

אין זיין צורה שפּיגלען זיך, אָפּטמאָל, אָב, זיינע מחשבות, ווי בולט׳ע אָותיות...

אָט זיצט ער אויף אַ באַנק, אין דעם וואַלד, אַקעגען דער וואַלד־קוועל. ער זיצט און הערט זיך צו צו אַ בעטהאָווענישער סימפֿאָניע, וואָס ווערד געשפּילט פֿון דער דאָרטיגער מוזיק־קאַפּעלע. ער הערט נישט נור מיט דעם אויער. זיינע נערוועז זענען אָפֿען, און דער רוישענדער שטראָם, פֿון די פֿאַרשידענע טענער, ברויזט אויף דאָס בלוט אין זיינע אָדערען, און די טאַקטען שפּילען זיך אָב אין די מינעס פֿון זיין פּנים. אַזוי בולט, אַזוי בפּירוש, אַז יעדער וואָס פֿאַרשטעהט נור דעם אלף־בית פֿון „חכמת הפּרצוף", קען לייכט אַראָבלייענען אַלע תנועות און אַלע טעמים פֿון דער דאָזיגער נגינה...

די סימפֿאָניע איז געענדיגט, זיין פּנים ווערד ווידער גלאַט, זיינע אויגען באַוועגען זיך רוהיג. אָבער באַלד זעהט ער זיך כמעט אַרומגערינגעלט פֿון מענשען, וואָס נעהנטערען זיך איצט צו איהם מיט גרויס דרך־ארץ, און פּרובירען זיך כאַפּען מיט איהם אַ שמועס איבער מוזיק...

און אָט געהט ער פֿון דער וואַלד־קוועל, צוריק אין שטאָדט אַריין. ער געהט פֿאַרטיפֿט אין זיינע מחשבות. און ווילענדיג־נישט־ווילענדיג, הערט ער זיך געהענדיג צו צו אַ שמועס פֿון צוויי למדנים, וואו איינער פֿרעגט דעם צווייטען אַ האַרבע קשיא אויף אַ תוספות אין דער סוגיא פֿון „אין ברירה". ער געהט נעבען זיי, שוויינענדיג, זיין וועג ווייטער. דער תוספות פֿון „אין ברירה" פֿולט אויס זיין מח.

אָבער פּלוצים זענען ביידע למדנים אַנטשוויגען געוואָרען, קוקענדיג איהם אין פּנים אַריין, דערזעהען זיי

אַ חדוש׳ליך אויפֿבליצען אין זיינע אויגען, אַ זיך־גלעטענדי־גען קנייטש אויף זיין שטערן, אַ לייכט פֿלאַטערען פֿון זיינע נאָז־פֿליגעל און אַ צופֿרידענעם שמייכעל אַרום זיין אוי־בערשטער ליפּ... זיי נעהנטערען זיך צו איהם מיט גרוים דרך־ארץ, און באַלד, באַלד, איז ער דער דריטער אין זייער למדנ׳ישען שמועס...

* * *

מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך איהם דאָס ערשטע מאָל באַגעגענט, אים זומער, אין סאָלקאַ. דאָס איז אַ קליינער קור־אָרט אין דער בוקאָווינא. דעמולט איז ער נאָך געווען נאָר יונג, אַ רבנ׳יש בחור׳ל, אָנגעזאַפּט מיט תורה, אָבער זיין למדנות איז אַרומגעהילט געווען מיט אַ זיידען מענטאַלע, דאָס ווילדע שפּרינגען פֿון עילוי׳שאַפֿט איז איהם פֿרעמד, בעננאַליש פֿייער דערוואָרמט איהם נישט. אַ קליינע הנהה פֿונ׳ם ווילנער גאון, אין אַריינלייכטען מיט אַ חלב׳דיג ליכטעל אין דער טיפֿעניש, איז איהם חשוב׳ער פֿונ׳ם דיקסטען פּלפּול־ספר, פֿון אַ גרויסער מחנה בלישטשענ־דיגער ראַקעטען—אַרומפֿליהענדיג אין דער לופֿט.

דעמולט האָב איך שוין געפֿיהלט אַ צוגעצויגענקייט צו׳ן איהם.

שפּעטער, פֿיעל יאָהר שפּעטער, ביי מיין באַגעגענונג מיט איהם אין מאַריענבאַד, איז ער שוין געווען אַ פֿאַרטי־גער, אַ׳ן אויסגעוואַקסענער. איך האָב אין איהם דערזעהען דאָס גלאַנצענדיגע אידעאַל פֿונ׳ם אמת׳ן יודישקייט.

מיין צוגעצויגענקייט צו איהם איז געוואקסען ביז צו א שטילען בענקעניש נאָך חבר׳שאַפט... איך האָב איהם געזוכט...

אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט דאָס שטילע בענקעניש דערגרייכט די מדרגה פון ליבשאַפט... איך האָב אָנגעהויבען איהם כמעט נאָכצוּלויפען...

מיין ליבשאַפט צו איהם איז געגליכען צו מיין ליעבשאַפט צו כנסת ישראל. נישט צו פרעגען און נישט צו וועלען וויסען, אויב זי האָט מיך אויך ליעב. און איך האָב ליעב מיין כנסת ישראל אפילו דעמולט ווען איך פיהל אין מיר, אַז איהר׳ס אודאי איז ביי מיר נאָך אַ ספק.

אין מיין ליבשאַפט צו איהם פיהל איך, אַז ווער ס׳זאָל, חלילה, וועלען אָנריהרען זיין כבוד, שניידט מיר מיט אַ שאַרף מעסער טיעף אין מיין פלייש.

„די דאָזיגע נאַרישע מענשען פון בבל! זיי שטעהען אויף פאַר אַ ספר תורה און שטעהען נישט אויף פאַר אַ גברא־רבה!“

אין מיין „גאַלעריע פון ג״ר׳סע מענשען“ האָב איך געשטעלט זיין בילד אויבען־אָן. אונטער דעם דאָזיגען בילד האָב איך אויך אָנגעשריבען זיין נאָמען:

אליעזר לאַדיער, רב אין סטריא.

וועלוויל זבאַראַשער

אָדער

וואָלף עהרענקראַנץ.

(אַ לעבענסבילד)

א.

געבוירען אים יאָהר תקע״ט, אין זבאַראַש, אַ קליין שטעדטעל, ביי דער רוסישער גרעניץ און נישט ווייט פון טאַרנאָפּאָל; געבוירען ביי אַ טאַטע אַ שוחט. אויפגעצויגען ווי אַ שוחט׳ס אַ יונגעל אין יענער צייט. אָנגעשטאָפּט דאָס זוהנ׳דאַלע מיט כל׳ערליי דרויב. געמאַכט אין זיין מח׳ל אַ קרעפּיל־קוגעל פון טרפות העצמות און טרפות הריאה, אַרומגעוויקעלט מיט אַ „ספק־ספיקא״־קישקע, געפּרעגעלט אין „תרתי־לריעותא״־שמאַלץ און געפּעפּערט מיט רש״י׳ס כלומר׳ס, מיט׳ן ר״ן אויף נדרים און מיט׳ן רשב״ם אויף חזקת הבתים.

וואַקסט וועלוואַלע אוים אַ בחור אַ למדן מיט אַלע מעלות, וואויהל, פיין און פרום. טהון מיט איהם טאַטע־

מאַמע אַ שידוך מיט חוה'לע, דעם צווייטען שטאָדט-שוחט'ס אַ טעכטעריל. מאַכט מען חתונה ווי ביי לייטען: די כלה זיבצעהן יאָהר און דער חתן אַכטצעהן יאָהר אַלט. זאָגט מען צו פוןביידע צדדים נדן און היבשע עטליכע יאָהר קעסט. און אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען אפשר גאָר אייביגע קעסט. וואָס איז? מיליך, לונג און לעבער און קישקע זענען ביי חתן'ס צד און ביי כלה'ס צד פאַרהאַנען בחנם. צווישען אַזוי פיל הענד, אָהן עין הרע, שטעקט נאָך איין האַנד דעם לעפעל אין שיסעל אַריין.

איז זבאַראַש אַ שטעדטיל וועניגער ווי אַ תחום-שבת ווייט פון דער רוסישער גרעניץ. קיין זבאַראַזש כאַפען זיך אַריין עטליכע מאָל אין טאָג רוסישע גרעניץ-גוים, אויף צו טרינקען געשמאַקען, עסטרייכישען, געלייטערטען הענים-בראָנפען — און אין דעם וועלדיל וואָס געפונט זיך מחוץ לעיר, גנב'ענען זיך אַריין, אין אַ זומערדיגען שבת נאָכמיטאָג, יודישע יונגעלייטלעך, פון יענער זייט גרעניץ, אויף איינצואָטהמען קיהלע „וואַלד-לופט"... ברענגען די דאָזיגע יונגע-לייטליך מיט זיך קליינע ספרים'ליך מיט קיילעכדיגע אותיות, שלינגען די דאָזיגע יונגעלייטליך די קליינע ספרים'ליך, גלייך ווי מ'שלינגט טייגלעך נאָך אַ תענית און באַלעקען זיך פאַר נחת... ווערד וועלוויל דעם שוחט'ס אויך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין דעם דאָזיגען וועלדיל, חבר'ט ער זיך מיט די דאָזיגע יונגעלייט, נאַשט ער פון זייערע טריפה-פסול'דיגע ספרים'ליך און ווערד אַ'ן „איבערגעקעהרטער".

איז זבאַראַזש נישט ווייט פֿון טאַרנאָפּאָל. טרעפֿט שוין וועלוויל דעם שוחט׳ס ביי אַ דאָרטינען מוכר־ספרים דעם דאָזיגען מין קליינע ספרים׳ליך, ברענגט ער זיי, בגנבה, צו זיך אַהיים. ליגט ער אָפּטמאָל אָב שעה׳ן־לאַנג אין וועלדיל אויפ׳ן גראָז, איז ער אָפּטמאָל אַזוי פֿאַרטיעפֿט אין לייענען, אַז ער פֿאַרגעסט אַהיים צו קומען צו דער צייט עסען ווארימעס... האָט חוה׳לע, זיין יונג ווייבעל, דערפֿון גרויס צער. פּרובירט זי איהם אויספֿאָרשען, און סוף־כל־סוף איז ער איהר מגלה זיין סוד. און אויס ליעבשאַפֿט צו איהר מאַן באַהאַלט זי איהם אַליין אין אַ חדר מיוחד, כדי ער זאָל קענען לייענען און שרייבען וואָס זיין האַרץ גלוסט.

אין זיין חדר־מיוחד שרייבט שוין וועלוויל קונציגע שירים, און כדי אָנצוטהון זיין יונג ווייבעל · אַ נחת־רוח שרייבט ער אָן אויף פּראָסט יודיש אַ פֿאָלקס־ליד „דער חסיד און זיין ווייב" (מקל נועם 4. 116), מאַכט צו דעם ליעד אַ׳ן איינענעם נגון, זינגט עס מיט זיין ליעבליך קול פֿאַר זיין ווייבעל, און — זי קוועלט גאַר אָן און באַקומט פֿאַר איהם אַ׳ן אויסטערלישען דרך־ארץ.

הויבט מען אָבער באַלד אָן אין שטעדטעל זיך צו שושקען. ס׳ווערד אַ „סוד פֿאַר אַ מנין לייט", אַז וועלוויל דעם שוחט׳ס איז געוואָרען אַ׳ן „אנדערער". די „סטרא־אחרא", טרייסעלט מיט איהם...

קאָכט זיך שוין אין שטעדטעל. מ׳סטראַשעט שוין דעם טאַטען און דעם שווער אַז מ׳וועט זיי מעביר זיין פֿון דער שחיטה.

מילא, טאַטע־מאַמע יאַק טאַטע־מאַמע. זיי האָבען קיין ברירה נישט. זיי קענען זייער זוהן מוסר זאָגען, קענען פאַר איהם וויינען, אָבער שוועהר און שווינער! זיי געוואַלדעווען, זיי זענען מרעיש עולמות. זיי ווילען דוקא „א גט. צוועלף שורות און פטור געוואָרען פון אַ צרה."

וויל אָבער חוה׳לע בשום אופן זיך נישט גט׳ן. האַק זי און בראָק זי, מיט גוטען און מיט בייזען, זי שווייגט. ס׳איז פון איהר אַ וואָרט נישט אַרויסצוקריגען.

שמועסט זיך הוה׳לע אָב בסוד מיט איהר מאַן, אַז ער זאָל דערוויל אַוועקפאָהרען. זי איז מסכים, ער זאָל מיט זיך מיטנעמען דעם נדן און פאָהרען קיין רומעניען זוכען פרנסה.

דאָס וואָס היינט איז ביי אונז אַמעריקאַ, איז אין יענער צייט, ביי די גאַליצישע, בעסאַראַבישע און בוקאָווינער יודען, געווען רומעניען. „אין רומעניען פאַרדינט מען „רענדליך", גילדענע דוקאַטען."

פאָהרט וואָלף עהרענקראַנץ קיין טשערנאָוויץ, לאָזט זיך ביים רופא קורצער מאַכען די פאות, באַשטעלט זיך ביים שניידער אַ קורצען איבערציהער במקום קאַפּטאַן — געפוצטע שטיוועל טראָגט ער שוין פון תמיד אָן — און קומט אַלס חצי־משכיל קיין רומעניען.

ב.

דאָס לאַנד, וואָס מיר רופֿען היינט „רומעניען", איז אין יענער צייט, נאָך געווען צושיידט אין צוויי מדינות: מאָלדאָ־ווע און וואָלעכיי. יעדע מדינה האָט אפילו געהאַט איהר איינענעם פֿירסט, אָבער דער אויבערהאַר איז געווען די טער־קישע ממשלה.

די השפעה פֿון דער טערקיי איז דעמולט נאָך געווען גענוג שטאַרק, וועניגסטענס אויף אַזוי פֿיעל, אויף נישט צו שפּיעלען זיך אין שנאה אַקעגען יודען. חוץ לזה האָבען די מאָלדאָוואַנער און די וואָלעכען געהאַט גענוג מיט זיך צו טהון, צו געפֿונען תחבולות אויף צו בעפֿרייען זיך פֿונ'ם „פֿרעמדען יאָך". זיי האָבען נישט אין זין געהאַט אָבצושפּאַרען די גרעניצען פֿאַר „אויסלענדישע"... ס'מעג קומען ווער ס'וויל, יעדער ניי־אָנגעקומענער ברענגט אַריין נייע הכנסה פֿאַר דער מדינה.

אפילו שפּעטער האָבען זיך ביידע מדינות נישט גע־קענט באַפֿרייען פֿון דער לאַנג־יעהריגער טערקישער השפעה. ס'איז זיי ביז היינט נאָך געבליבען בירושה טערקישע נאַכ־לעסינקייט, טערקישע פֿוילע זיסליכקייט, טערקישע קאַווע געקאָכט מיט'ן צוקער, טערקיש „איינגעמאַכטס מיט וואַסער" און — טערקישע אויסגעלאַסענהייט.

צווישען ביידע מדינות איז נאָר געווען דער חלוק פון די פאַרשידענע גרעניצען. די וואָלעכיי האָט זיך געגרעניצט מיט די דעמולטדיגע באַלקאַן־מדינות, וואָס האָבען נאָך גע־הייסען טערקישע, און די מאָלאָדאָווע האָט זיך געגרע־ניצט פון איין זייט מיט דער בוקאָווינאַ און פון דער צוויי־טער זייט מיט רוסיש־בעסאַראַביע. על כן איז אפילו ביי דער יודישער איינוואַנדערונג קיין רומעניען אויך דעמולט געווען נישט קיין קליינער חלוק: אַ יוד פונ׳ם מזרח איז אריבער די טערקישע גרעניץ, האָט ער זיך באַזעצט אין דער וואָלעכיי. פוילישע און רוסישע יודען האָבען זיך אָבער ס׳רוב באַלד באַזעצט אין דער מאָלדאָווע. אַ רוסישער יוד איז אריבער די בעסאַראַבישע גרעניץ, האָט ער געהאַט די נאָהנטסטע גרויסע שטאָדט, יאַסי. איז ער אָבער אריבער אַ׳ן אַנדערע גרעניץ, האָט ער געהאַט די נאָהנטסטע גרויסע יודי־שע שטאָדט, גאַלאַץ. אַ פוילישער יוד איז אריבער די בו־קאָווינער גרעניץ, האָט ער פאַר זיך געהאַט די נאָהנטסטע גרויסע יודישע שטאָדט, באָטושאַן.

דער מזרח־יוד האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פייערדיגע מזרח׳ישע פאַנטאַזיע, אַ קבלה־יסטיש־אגדה׳יסטישע, און האָט זי באַלד דערטרונקען אין וואָלעכישען, זויערען וויין, און האָט זי באַלד פאַרמישט מיט וואָלעכישער „הפקר־פיעטרושקע״.

די רוסישע און פוילישע יודען האָבען ס׳רוב מיט זיך מיטגעבראַכט אָדער אביסעל צו שטאַרק געפעפערטע למדנות,

אונטערגעמישט מיט קעלבערנע התלהבות פון עם־הארצ׳יש־חסידות, אדער זיי האבען מיט זיך מיטגעבראכט א שטרויע־נעם ברען פאר דער „הימלישער טאכטער״ וואס זיי האבען זי אנגערופען מיט׳ן נאמען „השכלה״... אין דער מאלדאווע האבען זיך אבער ביידערליי התלהבות׳ן פארקלייספערט אין דער פעטקייט פון די זויער־זיסע ; האלעפציעס און פאר־מרה־שחורה׳ט אין דער ביטערקייט פון מאלדאווישען פאלין־וויין.

מענשען, וועלכע זיצען ביי א זאטען טיש, עסען פעט־טע מאכלים, באנעצען נאך יעדען פעטען מאכל דעם גאר־געל מיט אביסעל קאלטען ערלויער־וויין, און נאך דער סעודה זיפען זיי צו טערקישע קאווע; אזעלכע מענשען ווערען באלד באפאלען פון א זיסען דרימעל, און אפילו ווען זיי ווילען אויף כלומר׳שט, קענען זיי נישט זיין קיין התלהבות־מענשען, זיי באקומען א פנים ווי דרעליעס, זיי זענען קאלט און שאקלען זיך...

וואלף עהרענקראנץ איז אריבער די גרעניץ ביי מיהא־לעני, די אייזענבאהן איז נאך דעמולט דארט נישט געגאנ־גען, האט ער זיך אויפגעדונגען אויף א בויד, און, צווישען א קגויל פון פארשידענע אנדערע „פארשווינען״, זיך געלאזט פונ׳ם בעל־עגלה ארייגשלעפען קיין באטושאן.

פון אלטע צייטען אן איז באטושאן געווען א גרויסע יודישע שטאדט, וואס א חוץ די אלט־איינגעזעסענע מאלדא־

ווישע יודען, האָט זי אין זיך קולט נעוועז יודען פון פאַר־שידענע מדינות. באַטושאַן איז תמיד געוועז א סוחר׳ישע שטאָדט, און יודען־סוחרים האָבען זיך אַהין געצויגען, גע־האַנדעלט מיט תבואה, מיט וויין, מיט פעל, מיט חזיר־האָר און „פאַרדינט א רענדיל״.

דער חותם פון דער שטאָדט איז געוועז א׳ן אַלט־יודישער. פונדעסטוועגען האָט זיך דאָרט תמיד באַוויזען א מאָדנע סבלנות. א׳ן אלטער באַטושאַנער יוד, א׳ן איינגעזע־סענער פון דור־דורות, א יוד פון׳ם „מיידאַן״, מיט׳ן ברייטען שטריימעל אים שבת, האָט אפילו באמת געהאַט עגמת־נפש צוזעהענדיג דאָס התנהגות פון די צונויפגעלאָפענע יונגע צוצעצקליך, וועלכע ווילען דוקא פאַר זייערע קינדער א דייטשע שול, וואו מ׳זאָל לערנען תנ״ך מיט׳ן ביאור וכדומה אַזעלכע נייע זאכען, פונדעסטוועגען איז דער דאָזיגער פשוט׳ער מיידאַן׳ר יוד חבר געוועז מיט יענע מה־יעשה׳ניקעס און האָט גאָר ביי זיך געפיהלט א געוויסען דרך־ארץ פאַר זייער „וואויל־קענעוודיגקייט״.

געקומען איז וועלוואַלע קיין באַטושאַן, א נישט־פאַר־טיגער, א נישט־אויסגעבאַקענער, א יודישער צוגעפוצטער יונגערמאַן, אָנגעזאַפט מיט גמרא און פוסקים, מיט תנ״ך און השכלה־ספרים׳ליך, אָנגעשטאָפט די בוזים־קעשענע מיט אייגענע לשון־הקודש שירים, מיט פאַפירענע באַמאָהלטע קרוינען צום כבוד פון דער „שפה עבריה״. „וואָס מיט איהר האָבען גערעדט נביאים און מיט איהר זאָגען מלאכים שירה צו קודשא בריך הוא״. אָבער וואָס ער זאָל איצט טהון

„אויף" צו מאַכען רענדליך אין דער מאָלדאָווע, זאָלען שונאי ישראל אַזוי וויסען פון זייער געזונד. מיט זיין ביסעל מזומנים וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, פּראָבירט ער זיך אפילו אין דער התחלה ווערען א „דך הסוחר", אָבער סוחר־עריי מיט אַ פאַר׳חלום׳טען שירים־קאָפּ גראַמען זיך נישט. ער פאַרלירט באַלד זיין לעצטען גראָשען, און בטל׳ט צו זיך אַליין אוים חלומות. צו ווערען אַ דייטשער לעהרער איז ער נישט מסוגל. דערצו קען ער דערווייל צו ווענינ דייטש. אפילו אַ „שרייבער" קען ער נישט ווערען. זיין שריפט איז אַ שלעכטע. האָט ער קיין אַנדערע ברירה נישט נאָר צו ווע־רען אַ מלמד... שטעלט זיך ווערלאַווע „בין הזמנים" אין דער שורה צווישען אַנדערע מלמדים, און — ער געפונט חן אין די אויגען פון אַ מאָלדאָווישען דאָרפ׳ס־יוד און ער נעמט איהם אַרוים צו זיך אין דאָרף אריין אויף אַ גאַנצען „זמן".

ג.

אויף חוה׳לען איז אַ גרוים רחמנות. חוה׳לע בענקט. זי בענקט מורא׳דינ. אַ צוגאָב צו איהר מורא׳דינ בענקשאַפט מוז זי נאָך אַריבערטראָגען די מוסר־ווערטער, וואָס איהר טאַטע־מאַמע זאָגען איהר כסדר, די שטעכווערטליך פון איהר׳ס אַ יונגער שוועסטעריל, אַ בייזע שלאַנג. נאָך שווע־רער איז איהר אַריבערצוטראָגען די רחמנות׳דינע בליקען פון די חבר׳טעם און שכנ׳טעם „אויף דער יונגער עגונה."

אין דער ערשטער צייט באַקומט זי נאָך, בסוד, בריוו־לעך פֿון באָטושאַן, פֿון „איהר װעלװאַלע," די בסוד־בריוולעך האָבען פֿאַר איהר אַ באַזונדערען חן. זי פּרובירט זיך אָפּט־מאָל איהם צו ענטפֿערען מיט זיין אייגענעם נוסח, מיט הלצה׳ליך איבער די נאַרישע חבר׳טעס און שכנ׳טעס. אָבער כמעט אויף יעדער שורה פֿון איהר׳ס אַ בריוועל דער־קענט „איהר װעלװאַלע" אַ געלען קלעק פֿון אַ פֿאַרטרוקענ־טער טרעהר. ער פֿיהלט איהר צער. ס׳רייסט איהם ביים האַרץ.

איז אָבער װעלװאַלע אין דער מאָלדאַווע, אין אַ מדינה וואָס איז געבענשט מיט אַ סגולה אויף צו פֿאַרגעסען אַלע צרות. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ וויינשענקעל, זעצט זיך אַנידער אין אַ ווינקאַלע, טרינקט איין גלעזעל נאָכ׳ן אַנדע־רען, און—זינגט זיך צו שטילערהייד זיין אייגען ליעדעל מיט זיין אייגענעם דערצו פֿאַרפֿאַסטען נגון:

נאָר צו טרינקען און צו עסען,
צו הוליען, איז מיין פּלאַן,
אַ מיטעל אַלסדינג צו פֿאַרגעסען,
איז נאָר דאָס גלעזעל וויין.

(מקל־נועם, 1, 37.)

װעלװאַלע אַליין איז ניט קיין שכור. ער טרינקט און זינגט, זינגט און טרינקט. אָבער ער פֿאַר׳שכור׳ט זיך ווע־ני־

נער פונ'ם ווײן ווי פון זײנע אײגענע לידער. איבערהויפּט פון דעם אלײן צו יעדען ליעד פאַרפאַסטען נגון.

ווען וועלוואַלע'ס האָפנונג צו „מאַכען רענדליך" אין דער מאַלדאָווע און דערנאָך צו באַציהען צו זיך זײן חוה'לע, צוגעהט זיך ווי זאַלץ אין וואַסער. ווען ער פאַרלירט אין מסחר דעם מיטגענומענעם נדן, איז ער זיך נוקם אָן דער גאַנצער וועלט מיט אַ יאוש־ליעד:

אוי וועה אַ רוח אין דער וועלט,
ווען זי בענשט און ווען זי שעלט,
ווען זי לעגט, ווען אויף די פיס זי שטעלט,
ווען זי האָט פיינד און פון ווען זי קוועלט,
ווער ס'איז איהר נמאס און ווער איהר געפעלט,
דער קלוגער, דער בריה, געהט אין די הײזער,
דער שוטה, דער נאַר, איז דער גאַנצער וועג־ווײזער.
— — — — — — — — — — — — —
אקענען אַלע גראַבע יונגען איז זי זעהר מילה,
וואָס טויגען די הכמות, אַז דאָס נאַרישקײט גילט?
(מקל־נועם 1, 117).

אָבער באַלד — ווען ער האָט קײן אַנדערע ברירה נישט ווי צו ווערען דערווײל אַ דאַרפ'ס מלמד, ווען ער זעהט אַז איהם איז באַשערט דער גורל פון אַ נע־ונד'ניק, טרינקט ער נאָך אַ גלעזעל ווײן און זינגט זיך צו אַ טרײסט־ליעד:

ביזט פֿון דער היים פֿארטריבען,
אין עלענד געבליבען,
זאָרג נישט און טראַכט נישט וועגען דעם,
אַ מענש מיט פֿארשטאַנד,
ווערד באַלד באַקאַנט,
אומעדום איז זיין היים.

(מקל נועם 1, 91).

מיט דעם פֿאר׳שכור׳ן זיך אין זיינע אייגענע ליעדער, מיט דעם אריינלעבען זיך אין אַ׳ן אַנדערער, פֿאר׳חלום׳טער וועלט, און מיט דעם געפֿיהל פֿון יאוש איבער זיין פערזענ־ליכען עתיד, פֿארלירט זיך באַלד ביי איהם דאָס אינטערעס פֿאַר זיין עבר. ער הערט אויף צו שרייבען בריוולעך צו זיין ווייב. לכתחלה ווייל ער גאָר נישט מודיע זיין, אַז ער איז געוואָרען אַ דאָרפֿ׳ס־מלמד, און בדיעבד... האָט ער צייט פֿון זיך צו לאָזען הערען ווען דאָס רעדעל וועט זיך אַביסעל איבערדרעהען...

צו שפעט.

הוה׳לעס בריוועלעך צו „איהר וועלוואלע" קומען צו איהר צוריק, מ׳געפֿונט נישט זיין אדרעס. אריין ווי אין ים אריין, אָבערעדען פֿונ׳ם האַרץ, קען זי זיך נישט, און טאָר נישט, פֿאַר קיינעם, דאָס מוסר־זאָגען פֿון טאַטע־מאַמע ברענט

איצט ווי אַ׳ן העליש פייער. ס׳קאָכט אין איהר דאָס בלוט. ס׳איז צום צושפּרינגען. ערשט איצט איז איהר אוממעגליך אריבערצוטראָגען די רחמנות׳דיגע בליק „אויף דער יונגער עגונה״ פון איהרע חבר׳טעס און שכן׳טעס. זי פאָהרט אוועק פון דער היים צו איהרער א מוהמע קיין פּאַרנאָפּאָל. דאָרט באַהאַלט זי זיך פאַר מענשען און באַהאַלט זיך כמעט פאַר זיך אַליין. און—אין איהר „באַהעלטעניש״ מאַכט זי נישט קיין לאַנגע שהיות און שטאַרבט באַלד.

די ידיעה פון חוה׳לעס טויט איז צו וועלוואַלען געקומען א יאָהר שפּעטער.

איבער דעם רושם, וואָס די דאָזיגע ידיעה האָט אויף איהם געמאַכט, דערצעהלט מיר, אים יאָהר תרמ״ב (גראָד אין דעם יאָהר פון וועלוואַלעס טויט) אַ׳ן אַלטער יוד פון באָטושאַן, מיט׳ן נאָמען אייזיק טהאָרן, א געבווירענער א בראָדער, א משכיל, אַ׳ן המגיד־שרייבער, וועלוואַלעס א נאָהנטער חבר; ער דערצעהלט מיר ווערטליך:

אין א זומערדיגען פאַרנאַכט איז פּלוצים וועלוויל אָנ־געפאָהרען מיט א דאָרפס־וואָגען פאַר מיין וואוינונג. ער איז אריין צו מיר אין שטוב א פאַרשטערטער, א געבראָכענער, בלייך ווי די וואַנד. און שטאַמעלט פאַר מיר ארויס די טרויעריגע בשורה וואָס ער האָט באַקומען: „ס׳האָט זיך מיר עפּיס אָבגעריסען אין מיין האַרץ, א דינער פאָדעם, וואָס האָט מיך נאָך צוגעבונדען צו מיין ביזהעריגען לעבען, איז

מיט איינמאָל, פֿון אַ געהיימער האַנד, מיט געוואַלד, דורכגעשני־טען געוואָרען... עס איז מיר פּלוצים מיאוס געוואָרען פֿאַר דעם דאָרף און פֿאַר מיין מלמדות. קוים אָבזיצענדיג אַ שעה שבעה בין איך אַריין אין שטאָדט... איך קען מיר איצט אַליין נישט אָבגעבען קיין חשבון וואָס מיט מיר וועט ווייטער געשעהען... עס פּלאָגט מיך אַ מורא׳דיגער געדאַנק. עס דאַכט זיך מיר כסדר, אַז איך בין נישט אומשולדיג אין איהר יונגען טויט...׳

ווי געוועהנליך האָב איך איהם געפּרובט טרייסטען. אָבער ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט תמ׳עוואַטע אויגען און געשוויגען. אַזוי ווי ער פֿאַר׳חרוש׳ט זיך פֿון מיר צו הערען נאַרישע דבורים.

גראָד האָב איך געמוזט אוועקגעהען אין מאַרק אַריין. מיין וועג איז געווען זעהר דרינגענד. איך האָב פֿאַר איהם געדעקט דעם טיש מיט עטליכע, אין שטוב פֿאַרהאַנענע מאכלים, אַנידערגעשטעלט אַ פֿלאַש וויין מיט אַ גלעזעל, און ביי איהם געבעטען ער זאָל מיר מוחל זיין וואָס איך לאָז איהם אויף אַ קורצער ווייל אַליין צוריק.

צוריקקומענדיג נאָך אַ קליינער שעה פֿונ׳ם מאַרק, געפֿון איך וועלוואלען זיצענדיג ביים טיש, אַזוי ווי איך האָב איהם איבערגעלאָזט, די מאכלים נישט אָנגעריהרט, דאָס גלעזעל אפילו אָנגעפֿולט מיט וויין, אָבער נישט אַמאָל די העלפֿט פֿונ׳ם גלעזעל אָבגעטרונקען... דערפֿאַר איז אָבער זיין פּנים ווידער גלאַט און רוהיג.

„איך האָב מיר איצט אַליין געמאַכט אַ׳ן אָפּעראַציע.
זאָגט ער מיט אַ ביטערען שמייכעל „איך האָב דערטרונקען
מיין איינענעם שמערץ אין דעם גרויסען ים פֿונ׳ם איי־
ביגען וועלט־שמערץ... איך האָב אָנגעשריבען אויף לשון
הקודש און אויף יודיש אַ מצבה אויף הוה׳לעס קבר... איך
האָב געשריבען אַ הבל־הבלים ליעד. און האָב אין די פֿאַר־
בען פֿון מיין איינענעם שמערץ געפֿונען דאָס קול פֿונ׳ם
איכה־נגון פֿאַר דעם גרויסען וועלט־שמערץ.״

באַלד האָט ער טאַקע אָנגעהויבען פֿאַר מיר צו זינגען
זיין ליעד „אויפ׳ן בית הקברות״, וואָס ענדיגט זיך מיט׳ן באַ־
קאַנטען נוסח:

אונטער די בערגלעך, ווען דו זאָלסט זעהן,
פֿילען דאָרט ביינער אָהן אַ שיעור,
זענען געווען אויך אַזוי שעהן,
אפשר נאָך שעהנער פֿון דיר.
אַצונד מאַכען די ווערם פֿון זיי זיך מאכלים,
זענען דערצו נאָר געשוואוירען,
קינדער, די וועלט איז נאָר אַ חלום,
דער מענש איז צום שטאַרבען געבוירען.
(מקל נועם 3, 132.)

אָבזינגענדיג דאָס דאָזיגע ליעד איז וועלוואָלע געוואָרען
אַ׳ן איבערגעבּיסענער. די באַקען האָבען איהם געפֿלאַמט...
און דערנאָך ערשט — האָט ער מיט מיר געטרונקען אַ
גלעזעל נאָך אַ גלעזעל.

ד.

וואָלף עהרענקראַנץ איז דריי יאָהר כסדר מלמד אין א דאָרף ביי אַ'ן אַלט־אַ'נגעזעסענעם וויינשענקער און פיהלט זיך דוקא נישט קשה'דיג. דער שענקער, א מאָלדאָווישער יוד, נישט קיין עם־הארץ. אַמאָל אין דער יוגענד געלערנט דריבנעטשקע אותיות. קוקט היינט אריין אין א ספר, ווען ער האָט א פרייע צייט. דעם וויינשענקער'ס ווייב א יודענע א בריה. אין אַלע ווינקאַלעך זויבער, ריין, מ'קען זיך אָנ־שפיגלען. דערצו א שטילע, א נוטעטשקע. זייערע קינדער, צוויי יונגלעך, נישט קיין שלעכטע קעפּלעך. דער יונגערער איז נאָך מעהר תופס פּונ'ם עלטערען. פאַר'ן מלמד איז אָנ־געגרייט א באַזונדער חדר, א ליכטינ'ס א ריינ'ס. די פענסטער צום אויבסט־גאָרטען. אין דעם באַזונדערען חדר לערנט ער מיט די תלמידים. דאָרט שלאָפט ער און דאָרט עסט ער די גאַנצע וואָך. נאָר שבת און יום טוב, און אַמאָל אויך שבת־צו־נאַכטס, זיצט ער מיט די בני בית צום עסען, ביים טיש, אין דער גרויסער שטוב.

און וועלוואַלע איז א גאַנץ גוטער מלמד. די תלמידים האָבען ביי איהם א פעולה. דערצו האָט ער די תלמידים ליעב און זיי האָבען איהם ליעב.

אין די ערשטע עטליכע חדשים נאָך זיין אָנקומען אין דאָרף האָט ער מיט דעם איבריגען בני בית וועניג־וואָס א שייכות. נאָך דעם אָבלערנען מיט די תלמידים, עטליכע שעה אין טאָג, זיצט ער ביי זיך אין חדר, איינער אליין

און איז קונה־שלימות. ער לערנט פאַר זיך, לייענט זיינע ספרים און שרייבט זיינע שירים.

האָט אָבער דאָס שירים־שרייבען אין זיך אַ מאָדנע מין מאַנקאָליע. אַ ליעד, דערצו נאָך מיט אַ נגון, קען נישט איינליגען אין בוזעם־קעשענע אָדער אין שופלאָד פונ׳ם שרייבטיש. אַ ליעד וויל געזונגען ווערען. ס׳האָט פליגעל און רייסט זיך צום פליהען. איבערהויפּט אַ פאָלקס־ליעד. נאָך מעהר אַ ליעד וואָס לאַכט און וויינט. אַ ליעד וואָס איז דערצו באַשטימט לאַכענדיג אָבצושפּעטען דאָס שלעכטע וועלט־התנהגות און עס אָבצושיטען מיט פעך און שוועבעל. מיט גיפט און גאַל...

אַ משורר, ווען ער האָט שוין גאָר קיין ברירה נישט. ווען ער געפונט נישט קיין אויערען, וואָס זאָלען וועלען הערען זיינע שירים, לויפט ער אין טיפען וואַלד אַריין און זינגט פאַר אַ טויבען בוים. שטעהט דער בוים רוהיג, שטום, איז דאָס אַ סימן פון פאַר׳כשופ׳ט ווערען פאַר גרוים התפעלות. טרייסעלט אָבער דער בוים גראָד מיט זיינע צווייגען, דאַן הערט דער באַגייסטערטער משורר אין דעם רוישען פון די בלעטער אַ לויבגעזאַנג אויף בוים־לשון.

וועלוואַלע, דער דאָרפס מלמד, פיהלט זיך אין זיין באַזונדער חדר, ווי אַ נאַכטיגאַל וואָס איז איינגעשלאָסען אין אַ שטייגעל. און זינגט:

> ביטער איז מיר אַזוי ווי גאַל,
> ווי גיפט פון די שלאַנגען,
> קלאָגט און וויינט די נאַכטיגאַל,

ווען זי ווערד געפאַנגען,
אַך, איך זעה דאָרט פייגעל פליהען,
און קוק צו מיט די אויגען,
איך וואָלט גערן נאָכגעטהון,
ווי זיי הויך געפלויגען,
איך וואָלט גערן אויך גענאָסען,
די פרישע לופט ווי זיי,
כ'בין דאָך אָבער פעסט פאַרשלאָסען,
ווינד איז מיר און וועה.

(מקל נועם 1, 17.)

קען ווערלוויל, אַמאָל, אין אַ שבת-צונאַכטס, ביי דער מלוה-מלכה, אַביסעל בגלופין'דיג, נאָך אַ צווייטען גלעזעל ווײַן, זיך נישט מעהר איינהאַלטען, שמייכעלט ער צו זיך אַליין, און זינגט, פאַר'ן בעל-הבית און זיין בני בית, זיין ליעד „דער חסיד פאָהרט צום רבי'ן".

מיט אַ טרונק בראָנפען און מיט אַ בייגעל
זענען מיר צום רבי'ן עולה רגל.

— — — — — — — —

צום רבי'ן צו געהען איז דער שענסטער שפּאַציר,
אַזוי ווי צום טאַנץ געהען מיר.

(מקל נועם (1, 55.

דער בעל הבית, די בעל הבית'טע, די יודישע דיענסט-מויד און די קינדער לאַכען, ווערד אָבער ווערלוויל, גראָד

ביי זייער לאַכען, אומעדיג, זינגט ער מיט אַ טרויריגען נגון זיין ליעד „דער טרעגער“:

הער מיך צו, כ'וויל דיר מאַכען קלאָהר,
אויף מיינע פּלייצעס טראָג איך שוין
זעכציג שווערע יאָהר.
אויף מיין קאָפּ טראָג איך מיין עלענד
און מיין נויט,
די שווערע דאגה, וואו נעהמט מען אַ
שטיקעל ברויט.
אויף מיין האַלז טראָג איך, כ'בין עס
נישט אימשטאַנד,
די שווערע געזעץ פון'ם לאַנד,
אויף מיין מויל טראָג איך אַ שלאָס,
אַ שווערען,
איך טאָר ניט רעדען, איך מוז אַלעס הערען.

— — — — — — — — — — — —

ער איז געוואָרען באַלד פריי פון די צרות,
און ליגט רוהיג אויף דעם בית הקברות,
און האָט געלאָזט זיינע פּלאַנען, זיין וואונד,
אַ שענע ירושה פאַר זיין ווייב און קינד.
(מקל נועם 6, 34).

קוקען זיך דאָס בני בית איבער מיט די בליקען, ס'באַ־וויזען זיך ביי זיי טרעהרען אין די אויגען, זעהט וועלוויל דעם רושם וואָס זיין ליעד מאַכט, ווערד ער ווידער

האָפּערדיג און זינגט פאַר זיי זיינע אַנדערע פרעהליכע ליעדער.

אַזוי ווערד צווישען דעם דאָרפס־מלמד און דעם דאָרף־שענקער׳ס בני בית גאָר אַ נאָהענט התקרבות. ער מאַכט זיי לאַכענדיג און וויינענדיג. ער זינגט און זיי זענען די אויערען וואָס הערען זיין געזאַנג מיט גרויס כונה.

ווערד אָבער באַלד דער קליינער עולם פאַר וועלוואל׳ען צו ווענינ. כאַפּט ער זיך אָפּטמאָל אַריין אין שטאָדט, קיין באָטושאַן. דאָרט זאַמלען זיך אַרום איהם זיין חברה יונגע לייט, משכילים. מ׳גנב׳עט זיך אַריין אין אַ ווינשענקעל און דאָרט, אין אַ חדר מיוחד, ביי אויף־די־קויהלען־געבראָטען פלייש און אַ פלאַש וויין, זינגט וועלוויל זיינע ליעדער, יעדעס ליעד יודיש און העברעאיש. חברה־יונגע־לייט קוועלען אָן פון זיינע קונציגע שירים, און ער, דער דיכטער, טאָפּעט זיך אין נחת.

וואָלף עהרענקראַנץ געהט לכתחלה נישט אַריין מיט חברה אין שענקעל אויף צו זינגען. ער איז קיין קונצען־מאַכער נישט. ער קומט זיך פשוט צונויף מיט „גוטע ברידער“. אָבער די חברה ווייסט שוין אַז נאָכ׳ן צווייטען אָדער דריטען גלעזעל וויין וועט וועלוויל זינגען.

דער עולם פאַרמעהרט זיך יעדעס מאָל. איינער איז מודיע דעם צווייטען, אַז וועלוויל איז געקומען. דאָס באַזונדערע חדר אין דעם ווינשענקעל איז צו ענג. ס׳טרעפט זיך שוין אַז אַ גביר׳ישער יונגער מאַן, אַ משכיל, לאַד

וועלוואַל'ען צו זיך אַהיים אויף אַ קערמעשעל, צו צו־ברענגען אַ לוסטיגען אָבענד צווישען היימישע, און ביי מעדני מלכים און ביי אַ גוטען מאָלדאָווישען וויין, אין אַ באַלייכטען, מעבלירטען סאַלאָן, זינגט וועלוויל זיינע ליעדער. און ס'טרעפט זיך גאָר אַז — ביים אַהיים פאָהרען, צוריק אין דאָרף אַריין, געפינט וועלוויל ביי זיך אין קעשענע עטליכע „גילדענע רענדליך".

ס'איז איהם מיאוס פאַר דעם דאָזיגען עסק. ער זינגט נישט פאַר געלד... אָבער פאַר דעם דאָרפס־מלמדות איז איהם נאָך מעהר מיאוס. איבערהויפט ווען ער איז שוין איינער אַליין, זיין חוה'לע איז טויט. צו וואָס זאָל ער זיך איינשליסען אין אַ דאָרף?

און וואָלף עהרענקראַנץ ווערד אַ שטאָדט־מענש. איינגענטליך אַ מענש פון פיעל שטעדט און שטעדטלעך, אַ'ן אַרומוואַנדערער זינגער, אַ נע־ונד'ניק.

ח.

וואָלף עהרענקראַנץ, דער נע־ונד'ניק, דער אַרומפאָהרענדער זינגער, איז אַ שטאָלצער דיכטער. אפילו דעמולט ווען ער איז שוין געצוואונגען צו ציהען זיין חיונה פונ'ם זינגען פאַרלירט ער נישט אויף אַ רגע זיין גאוה אלס משורר. ווען ער קומט אין אַ שטאָדט אַריין איז ער תמיד געלאָדען —

ביי א „גוטען ברודער", ביי א משכיל. דער דאָזיגער גוטער ברודער פֿאַרבעט צו זיך זיינע חברים, מ'זיצט ביים טיש, מ'איז זיך משמח, און ווען מ'האַלט ביים צווייטען אָדער דריטען גלעזעל וויין, ערשט דעמולט „זינגט וועלוואַלע".

די הויפּט־גאוה וואָלף עהרענקראַנץ'ס איז אויף זיינע לשון־הקודש־שירים. ער זינגט נישט קיין יודיש אָהן זיין העברעאישער איבערזעצונג. די העברעאישע שפּראַך איז ביי איהם די בת־מלכה, די הייליגע בלום, די זון פֿון זיין לעבען:

אַך דו הייליגע בלומע,
ביזט אייביג יונג און שעהן,
נאָר מענשען די דומע,
ווילען דיך נישט פֿאַרשטעהן.
און ווען איך ווער ביי מיר געפֿאַלען,
ווען מיין נשמה ווערד פֿאַרשלאַפֿט,
שלאָגסט דו אויף מיר דיינע שטראַהלען,
באַקום איך וויעדער נייע קראַפֿט.
(מקל נועם 3, 85).

„חזון למועד", דאָס ערשטע ספר וואָס וואָלף עהרענקראַנץ דרוקט אין יאַסי, אין יאָהר תרט"ו, איז א זאַמלונג פֿון העברעאישע שירים. ערשט זיבצעהן יאָהר שפּעטער הויבט ער אָן צו דרוקען זיינע מקל־נועם'ס, זיינע יודישע און העברעאישע ליעדער.

וועלוואַלעס אמת'ע ליבשאַפֿט און טיעפֿסטע איבער־געבענקייט צו דער העברעאישער שפּראַך זעהט ביי אונז

אויס חדוש'ליך. ביי מיר זענען פֿארהאנען װעלװאל'עס בריף צו זיינע פֿריינד, און ווען ער האָט זיך גערארפֿט שווערען, איז געווען זיין הייליגסטע שבועה: „חי נפשי וחי השפה העבריה".

אין דער נשמה פֿון א משכיל אויס דעם אלטען דור האָט זיך אָבגעשפּילט אַ'ן איינענער, חדוש'ליכער קאַמף: אָנגעזווינט מיט דער מאַמעס מילך, דעם דרך ארץ פֿאַר'ן התנהגות פֿון זיידעס און עלטער-זיידעס ביז דור-דורות, איינגעווינט אין א וויגאלע איבער וועלכעם ס'האָט זיך כסדר געהערט דער מאַמעס הארצעדיג ליעבליך קול, אז „תורה איז די בעסטע סחורה", אויפֿגעצויגען אין מנהגים וועלכע דריקען אויס אַלע ליידען און פֿריידען פֿונ'ם יודישען פֿאָלק, גע-טובל'ט פֿון קינדהייט אָן זיין גייסט אין יודישקייט, מיטגע-געבען איהם פֿאַר'ן לעבען אַלע יודישע קולטור-אוצרות, ארומגענארטעלט מיט א פּאַנצער פֿון „משמרת למשמרת", פֿון „סחור סחור לכרמא לא תקרב", ווערד ער פּלוצים מגולגל אין א פֿרעמדער וועלט. ער נאַשט פֿון פֿרעמדע טעלער. ס'שמעקען איהם די נייע מאכלים. וויל ער דוקא אז אַלע זיינע אמאָליגע חברים זאָלען מיט איהם מיטעסען. ער וויל דאָס אויס אַ'ן איינגעוואָרצעלטער ליבשאַפט צו זיי. ער מיינט נאָר זייער טובה. ער וויל זיי אַרויספֿיהרען „פֿון דער פֿינסטערניש צו דער ליכטיגקייט"... בטל'ען זיי אָבער אויס צו איהם חלומות און שטויסען איהם נאָר פֿון זיך אוועק.

אַוועקגעשטויסען פֿון דער אַמאָליגער סביבה פּרוּפּט ער זיך אַריינלעבען אין דער נייער. באַלד, באַלד, דערקענט ער אָבער אַז די נייע איז פֿאַר איהם פֿרעמד און ער פֿאַר איהר. דאָס וואָס ס'איז ביי דער נייער אַ'ן עיקר איז ביי איהם אַ טפל און דאָס וואָס ס'איז ביי איהם אַ'ן עיקר איז ביי זיי אַ טפל. פּרוּפּט ער זיי זאָגען מוסר. פֿאַרשטעהען זיי שוין גאָר נישט זיין לשון. זיי האָבען שוין אַרויסגעשיט „דאָס קינד מיט דעם באָד". זיי גלאָצען אויף איהם מיט די אויגען ווי אויף אַ משוגה'דיגער בריאה: רעד צוּ דער וואַנד".

ער איז פֿאַרוואָגעלט פֿוןביידע וועלטען.

אין דער נייער וועלט שטעקט ער ראשו ורובו, אָבער דאָס האַרץ ציהט איהם דאָך צוּ דער אַלטער. אויף די אַלטע האָט ער דאָך אַ שליטה. זיי פֿאַרשטעהען זיין לשון. צוּ זיי האָט ער גאָר אַ נאָהענט שייכות און זיי צוּ'ן איהם. איהם טריפּט דאָס בלוּט פֿוּנ'ם האַרץ ווען ער מוּז זיי בייסען, דעמוּלט ווען ער וואָלט געוואָלט זיי קוּשען. זיי ווערען אין כעס און ווילען איהם דורס זיין פֿאַר זיין חוצפה חוזק צוּ מאַכען פֿוּן זייער התנהגות. זיי שטויסען איהם פֿוּן זיך אַוועק, אָבער מיט אַ טיפֿען צער איבער דער „אָבטרוּניג־קייט פֿוּן אַ פֿאַרלוירענעם זוהן"... אפילו ביים גרעסטען כעס'דיגען אַוועקשטויסען פֿאַרלירען זיי נישט דעם בטחון אַז „דאָס ליכטיגקייט פֿוּן דער תורה וועט איהם צוּריקקעהרען צוּם גוּטען".

וואָלף עהרענקראַנץ איז שוין אַן אמת׳ער פֿאָלקס־דיכטער. די יודישע גאָס איז שוין פֿול מיט זיינע יודישע פֿאָלקסליעדער. אפילו חסידים, וואָס אויף זיי האָט ער אויס־געשיט דעם גאַנצען לויג פֿון זיין בייסענדער סאַטירע, לאָזען זיך פֿאַרזינגען זיינע ליעדער. זיי לאַכען שעלטענדיג, שפּייען אויס פֿאַר זיין חוזק־מאַכעריי און האָבען דאָך הנאה.

איבריגענס געפֿינען די חסידים ביי איהם אויך פֿאַר זיך א געבראָטענס: ווען וועלוויל גיעסט אויס זיין שפּאָט אויף די נאַרישע „דייטשען״.

וועלוויל קען אויך ערנסט זיין. נאָך דעם פּאָגראָם אין גאַלאַץ, אין יאָהר תרי״ט, מוסר׳ט ער, ביים סוף פֿון זיין ליעד „די מעשה פֿון גאַלאַץ״, די יודען:

דערשראָקען זענט איהר אַלע געבליבען,
ווען מ׳האָט די ספרי־תורות צוריסען,
האַלט איהר דען וואָס איז דאַרין געשריבען,
ווילט איהר עס דען גאָר וויסען?
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
איהר האָט אפילו נישט קיין מורא,
פֿאַר די הייליגע צעהן־געבאָט,
געלד און זילבער איז אייער תורה,
גאָלד איז אייער גאָט.

(מקל נועם 1, 164.)

וועלוויל וויינט אויף די צרות פֿון כלל ישראל. אין זיין ליעד „דער עלענדער זוכט רוה,״ זינגט ער:

זאָג מיר, איך בעט דיך, דו ווינד,
דו שוועבסט דאָך אויף דער גאַנצער וועלט,
ווייסט נישט וואו דער עלענדער זיך געפינט
צו רוהען אַ געצעלט?
וואו רציחות האָבען אויפגעהערט,
מ'האָט קיינמאָל נישט געקלאָגט,
וואו קיין אויג האָט נישט געטרעהרט,
דער גערעכטער ווערד נישט געפלאָגט?
(מקל נועם 1, 1).

וועלוויל הויבט אויך אויף זיין שאַרפע רוט אויף די פּאָליטישע מאַכערם אין דער וואָלעכיי. אין זיין ליעד „דאָס פלאַטשיקע מוה'ל" זינגט ער:

ווי ווילדע חיות, ווי די בערען,
איז מען אָהן אַ האַרץ פריי,
און מ'קען נאָך ערגער ווערען,
פון אַ מיניסטער אין דער וואָלעכיי.

— — — — — — — — — — —

דעם פאַרשטאַנד ווער ס'האָט גערן,
האָט דאָך צרות פיעל דערביי,
און אָהן פאַרשטאַנד קען מען ווערען,
אַ פירסט, אַמאָל, אין דער וואָלעכיי.
(מקל נועם 5, 66).

וועלוואָלעס ליעדער ווערען שוין דאָס אייגענטהום כמעט ביים רוב פונ'ם יודישען פאָלק, דאָס פאָלק אליין טראָגט זיי אַריבער ווייט, ווייט, איבער די וואָלעכישע גרעניצען, מ'זינגט

שוין וועלוואַל׳עס ליעדער, מיט זיינע אייגענע פֿון איהם פֿאַר־פֿאַסטע נגונים, אין רוסלאַנד, אין דער בוקאָווינאַ און אין גאַליציען. וועלוואַלע ווערד אַ מפורסם. אָבער דאָס פֿאָלק זינגט יודיש. העברעאיש איז פֿאַר פֿיעלע שווער נאָכצוזינגען. פֿאַר „וועלוואַלע״ וואָלט דאָס אפשר בדיעבד גענוג געוועזען, אָבער פֿאַר „וואָלף עהרענקראַנץ״, פֿאַר דעם אַלטען איינגעבאַקענעם העברעאישען משכיל, איז דער שם אַלס יודישער פֿאָלקסדיכטער צו שטאַרק וואָכענדיג. ס׳שמעקט נאָך „בעריל בראָדי׳ער״. ער, וואָלף עהרענקראַנץ, וויל דוקא יום־טוב׳דיג זיין. זיין אייגענטליכער שטאָלץ איז גאָר אויף זיינע לשון־הקודש־שירים.

וואָלף עהרענקראַנץ דערלעבט אַ יום־טוב׳דיגען טאָג. פּרץ סמאָלענסקי, דער דעמולט׳דיגער „קעניג פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור״, לויבט איהם (השחר 2טער יאָהרגאַנג 2טער טייל) אין טאָג אַריין. און נאָך אַ גרעסערער יום־טוב. סמאָלענסקי׳ס פֿאַנטאַזטישע שווערמעריי פֿאַרגלייכט איהם (השחר צווייטער יאָהרגאַנג זייטע 205) צו ה אָ מ ע ר. פֿון דעם דאָזיגען לויב ווערד וואָלף עהרענקראַנץ ווי פֿאַרשכור׳ט. און ווען אים השחר תרל״ד ווערד אָבגעדרוקט זיין העברעאיש פּאָעמאַ „רומניה״ דערגרייכט זיין גאוה די „אויבערשטע באַנק״.

ו.

וואָלף עהרענקראַנץ, אַ מפונק אויף ריינליכקייט און זויבערקייט, כמעט אין אַלע צייטען אָנגעטהון און אויס־

געפּוצט ווי אַ שררה, היט אויך אָב, אויף וויפיעל ס׳איז מעגליך, זיין כבוד. דערזעהט ער מיט זיין שאַרפען קוק אַז די גביר׳ישע משכילים וואַרפען זיך איבער וואויהל־יוגגיש מיט די בליקען און אין דעם דאָזיגען איבערוואַרפען מיט די בליקען איז פאַרהאַנגען אַ פחיתות הכבוד פאַר איהם: „זיי זענען די קנאַקער׳ס, זיינע פרנסה־געבער, און — ער איז זייער שפּילעכיל. זייער זינגער״. אַזוי מעגען זיי זיך שוין געזעגנען מיט דעם „אָבענד״. און ווען מ׳בעט איהם רחמים, און ווען מ׳שיט איהם אָב מיט „גילדענע רענדליך״ איז פון איהם נישט מעהר אַרויסצוּברענגען אַ וואָרט. עסען און טרינקען מיט זיי מהיכי תיתי אָבער זינגען „לא מיט אַ ספּאָדיק״.

אויסגעפּוצטערהייט ליידט ער אַ מאָל דחקות:

זאָגט דער שניידער:

ער דאַרף קיינע ליעדער,
דאָס דאַרף נישט אַ יעדער,
גיב מיר געלד גוטער ברודער
און נאַ דיר קליידער.

— — — — — — —

זאָגט דער שוסטער:

וואָס טויג מיר ליעדער אַז קען קיין בריוועל
אפילו נישט פאַרשטעהען.
גיב מיר געלד, נאַ דיר שטיוועל
ווען דו ווילסט נישט באָרפוס געהען.

— — — — — — — — —

שווערט דער שענקער ביי זיין לעבען,
ער פֿאַרשטעהט נישט קיין ליעד.
אומזיסט מיין ווין אַוועק צו געבען,
האָב איך מיך שוין אָבגעבריהט.

(מקל נועם 1, 44).

ווערד וועלוואָל׳ען פלוצים מיאוס פֿאַר זיין איצטיגער פּרנסה, איז ער זיך איינמאָל מיישב און פֿאָהרט קיין לעמבערג אויף צו געפֿונען א דרוקער פֿאַר זיינע מקל-נועם׳ס. ער וויל נישט מעהר זיין קיין „זינגער״, ער וועט ווערען א מחבר ווי אַלע מחברים.

פֿון לעמבערג איז אָבער נישט מעהר וויט קיין וויען. אין וויען האָט ער דאָך „זיין סמאָלענסקי״. פֿאַר זיין סמאָלענסקי האָבען דאָך מן הסתם אַלע וויענער יודישע גבירים דרך ארץ, ווען ער וועט זיי א זאָג געבען „דער יודישער האָמער איז געקומען קיין וויען דרוקען זיינע ספרים״ וועט זיך טהון אין וויען „אויף טיש און בענק״. די גבירים וועלען נישט האָבענדיג קיין צייט צו געפֿונען די שליסעל, אָנברענגען אין זיין אכסניא זייערע קאַסע־קאַסטענס, און זייערע ווייבער וועלען אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך זייער צירונג: „נאַ דיר יודישער האָמער!״

קומט וועלוואָלע קיין וויען, באַגעגענט ער זיך מיט סמאָלענסקי, לאַכט ער און סמאָלענסקי לאַכט. סמאָלענסקי, אין זיין פֿאַנטאַזיע, האָט וועלוואָלען (אים השחר 2) פֿאַרגעשטעלט אַלס „אַלטען בלינדען דיכטער, א יונגעל פֿיהרט איהם אַרום פֿון איין קאַפֿע־הויז צום צווייטען, כדי זיך צו

פֿאַרדינען מיט זיין געזאַנג דאָס ברויט". אַצונד זעהט סמאָלענסקי פֿאַר זיך אַ'ן אויסגעפּרעסען דייטשעל, אין די מיטלע יאָהרען, ראַזירט און פֿריזירט, אָנגעטהון ווי אַ שררה, אַ גילדענעם זייגער און אַ גילדענע קייט אין דער וועסטעל־קעשענע, און קוקט איהם אָן לאַכענדיג מיט אַ פּאָר שענע בלישטשענדיגע אויגען.

ווען וועלוויל דערצעהלט איהם שפּעטער דעם צוועק פֿון זיין קומען קיין ווין, איז סמאָלענסקי נישט „פֿויל אויף דער פּען". ער שרייבט איהם עטליכע אַדרעסען פֿון נדיבים און חברות. זיי זאָל ער שיקען זיין ספר'ל „רומניה", דעם אָבדרוק פֿונ'ם השחר, זיי אָנגעבען די אַדרעס פֿון זיין אכסניא אין וויען, און וואַרטען, ביז זיי, די נדיבים און די חברות, וועלען איהם געלד שיקען.

ווערד וועלוויל אין וויען „פֿאַרשוואַרצט נאָך די שבת'־דיגע קליידער". אויף דעם געלד פֿאַר'ן ספר'ל וואַרט ער, און וואַרט נאָך.

פֿאַר אַן אַלטען בלינדען דיכטער וואָלטען וויענער יודישע גבירים אפשר אַ מאָל עפּיס איבריג געהאַט, אָבער פֿאַר אַ זעהענדיגען ? ! . . .

איז פֿאַרהאַנגען אין וויען, אין דער טאַבאָר־שטראָס, אַ קאַפֿעהויז, וואָס אין יענער צייט האָט מען עס גערופֿען „קאַפֿע האַקעל" און אַצונד איז עס באַקאַנט מיט'ן נאָמען „קאַפֿע בוקסבוים". אין יענעם קאַפֿע־הויז פֿלעגען דעמולט קומען וואָלעכישע יודישע סוחרים. ווערד וועלוויל דערפֿון געוואָהר, קומט ער אויך אַהין.

אוים יענער צייט דערצעהלט מען: אין קאַפּע האַקעל איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ יודישער מחבר פאַרקויפען זיין ספר. די וואָלעכישע יודישע סוחרים זענען פשוט'ע ברואים, פאַרשטעהען וועניג־וואָס, שיקען זיי דעם מחבר צו צו וועלוואַל'ען, ער איז אַ מבין. קוקט וועלוויל אויף דעם אָרימען מחבר מיט אַ רחמנות'דיגען בליק.

„איהר האָט'ס פאַרפאַסט?“ פרעגט ער דעם מחבר.

„יאָ איך אַליין!“ ענפערט איהם דער מחבר.

„איהר האָט זעהר קלוג געטהון וואָס איהר האָט פאַר־פאַסט“ — זיפצט וועלוואַלע — איהר וועט נעביך מוזען זעהר אַ סך טעג פאַסטען!“

וועלוויל אַליין מוז נישט פאַסטען, אָבער ער מוז אין סאַמע וויען, אין „זיין סמאָלענסקי'ס שטאָדט“ אַפיר נעמען דאָס אַלטע טייטעל, ער מוז צוקנעלען, אַ חברה־מאַן, אַ'ן אַמאָליגער יודישער סוחר אין דער וואָלעכיי, בעט איהם צו זיך אַהיים, בעט אויך אַנדערע פון זיינע באַקאַנטע וואָלע־כישע יודישע סוחרים. און — וועלוואַלע זינגט.

אין אַ בריעף, אוים וויען, פונ'ם 9טען פעברואַר תרל"ד שרייבט ער קיין באַקוי, צו זיין פריינד משה אָרענשטיין: „איך קען איצט נישט פיעל שרייבען, ווייל איך בין זייט אַכט טעג קראַנק. נעכטען אָבענדס האָב איך קראַנקערהייט געזונגען, ווייל איך האָב געמוזט זינגען. די צוהערער זענען אָבער אויך געווען „קראַנק צו געבען“, כ'האָב זעהר וועניג פאַרדינט“.

אין אַ צווייטען בריעף שרייבט ער איהם: „אַ גאַנצען טאָג ליעג איך אין בעט, און אָבענדס זינג איך. געפעלט דיר דאָס? איך האָף, אי״ה בקרב, ביי אַ גלעזעל וויין, דיר און דעם דאָקטאָר מייזעלס אַלסדינג צו דערצעהלען. איך וועל האָבען „צו זינגען און צו זאָגען״. איהר וועט הערען און הנאה האָבען. איך טראַכט נאָר איצט צו באַקומען אויף הוצאות קיין באַקוי...״

און אין אַ שפּעטערען בריעף אויס לעמבערג, פון׳ם 27טען מערץ, שרייבט ער איהם ווידער: „ווען איך בין געקומען קיין ווין בין איך געוועזען זעהר נידערשלאָגען. אַלסדינג איז מיר אויסגעקומען קאַפּויר פון דעם וואָס איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. כ׳האָב באַלד געוואָלט צוריק פאָהרען. אָבער ס׳האָט מיר שוין אויסגעפעהלט אויף הוצאות. שפּעטער האָט זיך שוין בעסער געמאַכט. האָט מיך אָבער גאָט קראַנק געמאַכט...״

וועלוואַלע קומט אַהיים אויס ווין האַלב אויסגעניכטערט. ער זינגט אויף זיך אַליין אַ „צדוק-הדין-ליעד״.

וואָס דיר זעהט אויס שלעכט,
איז כ׳לעבען אַלעס רעכט,
גאָט, וואָס זיצט אין הימעל,
ער ווייסט גוט וואָס ער טהוט,
ער מאַכט אַלעס גוט צום רומעל.

דער שכל קלעהרט און ווערד באַלד מיעד,
און דער שכל בלייבט, באַלד שטעהן שטיל,
איך האָב שוין, זאָגט ער, גאָר נישט קיין טענה,
לאָז זיך גאָט טהון וואָס ער וויל,
ס'איז דאָך זיין וועלט, נישט מיינע.
(מקל נועם 6, 18).

וועלוואָלע ווייסט איצט אַז פאַר'ן זינגען קען ער אין ערגיץ נישט אַנטלויפען, דאָס איז דער גורל פון אַ פאָלקס־דיכטער... פרעגט דען דער זינגענדיגער פויגעל אין וואַלד פאַרוואָס און צו וואָס ער טרילערט זיין געזאַנג?

ז.

די העכסטע מדרגה אין פאָלקסדיכטונג, אין שאַרפער סאַטירע און אין פלאַסטישער שילדערונג האָט וואָלף עהרענקראַנץ דערגרייכט אין זיין פאָלקסליעד „גאָט'ס באַנקראָט".

שטיצענדיג אויף דעם מאמר פון אונזערע חכמים, אז „להנחיל אוהבי יש" מיינט מען ש"י עולמות, קומען אלע „צדיקים", אונזערע „כלי קודש", פאַר גאָט און יעדער פאַר־דערט פון איהם די צוגעזאָגטע ש"י עולמות, ביי וואָלף עהרענקראַנץ איז גאָט אַ גוטעטשקער, אַ שמייכעלדיגער:

דער הערר גאָט זיצט אויף זיין שטוהל,
נישט ווייט פון דעם גן־עדן,

קומען צו איהם צדיקים פיעל
און ווילען מיט איהם רעדען.

— — — — — — — — — —

מיט דעם קאָפּ אָנגעבויגען,
שטעהט זיך יעדער אויף זיין אָרט,
גאָט קוקט צו מיט די אויגען,
טהוט א שמייכעל און רעדט קיין וואָרט.

— — — — — — — — — —

דאָ קומט דער רב מיט דעם יורה־דעה,
און קוועלט פאַר גרויס הנאה,
און קרייזעלט זיך ביי דער פאה
און גלעט די באָרד, די גראָהע.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

און גאָט ציהט אויף מיט דער פלייצע
און האַלט קוים אויס דאָס לאַכען,
און געפונט גאָר נישט קיין עצה
וואָס ער זאָל מיט זיי מאַכען.
„וואָס קען איך, זאָגט ער, אייך פאַרגעלטען,
האָטש, איך בין דער גרויסער גאָט,
וואו זאָל איך נעמען אַזוי פיעל וועלטען ?!"
און איז ארויס באַנקראָט.

(מקל־נועם IV d.

אין וועלכער צייט וואָלף עהרענקראַנץ האָט דעם דאָזיגען שיר השירים פון זיין פאָלקסדיכטונג אָנגעשריבען איז שווער צו וויסען. געדרוקט האָט ער איהם אַלס ערשטעס ליעד אין זיין פּיערטען מקל נועם. אָבער ווער ס'האָט געוואָלט פּיהלען דעם אמת'ן טעם פון דער דאָזיגער געוואַלדיגער דיכטונג, האָט איהם געמוזט אַליין הערען זינגען מיט זיין ליעבליך קול.

אים יאָהר תרל"ח איז וועלוויל געוועזען אין קאָלאָמיי און איך האָב איהם געהערט זינגען. ווען אַלע צוהערער האָבען זיך געקויקעלט פאַר לאַכען, איז זיין פנים געוועזען גלאַט, רוהיג, נאָר איבער זיינע ליפען האָט געשוועבט אַ לייכטער שמייכעל. ער איז שוין דעמולט געוועזען קרוב צו ששים. אָבער זיינע אויגען האָבען געלייכט ווי ביי אַ יונג אומשולדיג בחור'ל.

ח.

וועלוואָלע פאַראייניגט אין זיך אַלע מעלות און אַלע חסרונות, אַלע סמני נערות, און סמני בגרות פון אַ'ן אמת'ן דיכטער.

מיט זיין שאַרפען בליק פאָרשט דער דיכטער אין מעשה-מרכבה. ער דרינגט אַריין אין די סודות'דיגע באַוועגונגען פון די גלגלים און די אופנים. ער זעהט די תנועות און די העויות פון די שרפים און חיות הקודש. און אָפטמאָל דערהויבט ער זיך מיט די פליגעל פון זיין גייסט אַרויף אויבען, אויבען, ביז צו זיי. און פון דאָרט, פון דער

העכסטער הויכקייט, מעסט זיין בליצענדיג אויג די טיפסטע טיפענישען אין דעם מענש'ס־נשמה.

אין דער הויכקייט, אין דער לויטערקייט פון די הימלישע ספירות, דערשרעקט ער מורא'דיג ווען ער קוקט אראב און דערזעהט אויף דעם התנהגות פון די מענשען ברודיגע פלעקען. אויס דעם קריסטאל־ריינעם הימלישען אויר פארפארטיגט ער זיך א שפיגעל. און ער נידריגט אראב צו די מענשליכע ברואים און ער האלט פאר זייערע אויגען דעם הימלישען שפיגעל, און בעט זיי רחמים אז זיי זאלען זיך רייניגען... זיי בויגען אוועק דעם קאפ, זיי ווילען נישט זעהען... ער ציטערט פאר כעס און גיעסט אויף זיי אויס די תוכחה... זיי פארשטאפען די אויערען און ווילען נישט הערען... ער פרובט זיך זיי פארהילעכען מיט זיין געוואלדיגען שפאט־געלעכטער, מיט דער בייסענדיגער גאל פון זיין חוזק־מאכעריי ווייל ער דוקא ביי זיי אויסברענען די פלעקען, ער וויל, ער מוז....

אבער ס'איז אפטמאל א חדוש'ליכע זאך, א גבור, ער ראנגעלט זיך מיט דעם וועלט־שטן, און אליין האט ער מורא פאר א שאטען, א'ן אויבער־מענש, א וועלט־חכם, און אליין, אין זיין אייגענעם קליינען וועלטיל, א גרויס אומבאהאלפען קינד.

דעם קלוגען וועלוויל, דעם אבשפעטער, דעם שטרענגען שופט איבער אלע וועלט־עראייגנישען, קען אמאל א נאריש יונגעל אריינגארען אין זאק.

אין יענעד צייט, אָנגעהויבען פוּנ'ם יאָהר 1868, האָט אין גאַנץ רומעניען עקסיסטירט אַ גרויסער יודישער פאַריין מיט'ן נאָמען „בני ציון". דאָס הויפּט-ציעל פוּן דער חברה איז געוועזען צו באַווייזען דער רומענישער רעגירונג, דורך פאַרשידענע גוטע מעשים, דורך דעם ברענגען פוּן געלד-קרבנות און בלוט-קרבנות, אַז יודען זענען געטרייע זוהן פוּן דער מדינה. „פּאַטריאָטען". די דאָזיגע חברה האָט דעמולט אַרומגענומען כמעט אַלע קלאַסען פוּן די רומענישע יודען. דער נאָמען „ציוניסטען" האָט פאַר די רומענישע יודען געדאַרפט האָבען דיזעלבע באַדייטונג ווי פאַר די דייטשע יודען דער נאָמען „איזראַעליטען". פוּנדעסטוועגען איז פאָרט געוועזען אַ גרויסער חלוק. רומענישע יודען, אויף יעדען פאַל דאָס רוב פוּן זיי, זענען דעמולט אַזוי ווייט געוועזען פוּנ'ם אמת'ען באַגריף „אַסימילאַציע", אפשר אַזוי ווייט ווי זיי זענען דעמולט געוועזען פוּן אונזער היינטיגען באַגריף „ציוניזם". געטרייע זוהן פוּנ'ם לאַנד, געלד-קרבנות, און אפילו בלוט-קרבנות, מהיכי־תיתי, וועלכער יוד האָט נישט ליעב זיין לאַנד, און איז נישט גרייט פאַר איהם צו ברענגען אַלע מעגליכע קרבנות? אָבער מעהר פוּן דעם איז נישט פאַר איהם נוצליך און נישט פאַר'ן לאַנד נוצליך. לערנען רומע-ניש, נישט-קשה, ס'איז נוצליך צו קענען דאָס לשון פוּנ'ם לאַנד. אָבער וואָס קען דאָס דעם לאַנד שאַדען, ווען יודען צווישען זיך רעדען יודעשליך? אַ יוד גיבט עס אָבער פאָרט מעהר אַ ציפּ ביי דער נשמה ווען ער הערט וועלוואַלעס אַ יודיש ליעד, ווי ווען ער הערט עפּיס אַ זמר'ל פוּן אַ וואַלעכישען צעהאַן.

איבריגענס האָט די רומענישע ממשלה אַליין דערפֿאַר געזאָרגט אַז די יודישע אַסימילאַציע־בוימער זאָלען נישט ביז צום הימעל וואַקסען. יודען ברענגען קרבנות. די ממשלה איז זיי מקבל באהבה. יודען באַווייזען זייער „פּאַטריאָטיזם״ ס'קומט זיי אַ קניפּ דערפֿאַר אין בעק'על. אָבער רעכט, גלייכקייט מיט אַלע בירגער פֿונ'ם לאַנד, „לא״ מיט אַ כפול שמונה־דיגען שלשלת. זייער האָב און גוטס איז הפקר און אפילו זייער בלוט איז הפקר.

די יודען זיפֿצען אונטער דעם שווערען עול פֿון נייע גזרות און ברענגען נייע גרעסערע קרבנות כדי צו באַווייזען זייער געטריישאַפֿט. אָבער די „הויכע״ ממשלה איז „לייטזעליג״ אָנצונעמען די קרבנות און — דערנייערט איהרע רציחות.

דערוועקט זיך ביי וואָלוואָלע זיין דיכטעריש געוואַל־דיגער כעס. ער שרייבט אָן זיין פּאָעמא „רומניה״, אין וועלכען ער גיעסט אויס אויף דער רומענישער ממשלה די תוכחה. „רומניה״ איז אַ'ן אויפֿשרייען פֿון אַ פּראָטעסטינג יודיש הארץ, אַ הימלען־צורייסענדער־זיפֿץ. דאָס איז זיין אייגענטליכע באַדייטונג.

געדרוקט דעם „רומניה״ אים „השחר״, אָבגעדרוקט דערפֿון עטליכע הונדערט עקסעמפּלאַרע אַלס באַזונדער ספר'ל, קומט וואָלוואָלע דערמיט צוריק קיין רומעניען.

וואָלף עהרענקראַנץ, דער דיכטער, ווען ער האָט גע־האַלטען די פֿעדער אין דער האַנד אויף אָנצושרייבען זיין „רומניה״ פֿיהלט ער אין זיך אַ כח פֿון אַ ריעז. „אָט, אָט הויבט ער אויף זיין שאַרפֿע פֿעדער און דער קאָפּ פֿון דער

רומענישער שלאַנג איז אויף לחלוטין אָבגעהאַקט. קיין סימן, קיין זכר נישט געבליבען".

ווען ס'האַלט זיך אין דרוקען איז ער ביי זיך זיכער, אַז ס'וועט אַנאַרבייטען אַ'ן איבערקעהרעניש אין די „הויכע פענסטער", ס'וועט מרעיש עולמות זיין.

אָבגעדרוקט דאָס ספר'ל טהוט ער נאָך אַ יתר־שאת. ער שיקט צו איינס צו דעם דעמולטדיגען כלל־טהוער אין פּאַריז, צו אַלבערט כהן, און אַ צווייטס צו דער פּאַריזער אַליאַנץ. „זיי וועלען שוין וויסען וואָס דערמיט צו טהון. אגב זאָלען זיי זעהען וואָס וואָלף עהרענקראַנץ קען".

וויסט טאַקי אַלבערט כהן און וויסט די פּאַריזער אַליאַנץ וואָס זיי האָבען צו טהון. דערהאַלטען אַ לשון־הקודש־ספר'ל פון עפּיס אַ מחבר, דערצו נאָך אַ מליצה־בריף פול מיט תהלות און מיט תשבחות. גאַרטעלט זיך אָן אַלבערט כהן די לענדען און שיקט צו „אוים זיין אייגענער קעשענע" אויף דער אָנגעגעבענער אדרעס פון „משה אָרענשטיין פאַר וואָלף עהרענקראַנץ" גאַנצע פיערציג פראַנק און די פּאַריזער אַליאַנץ שיקט גאַנצע צוואָנציג פראַנק;

איז אָבער פאַרהאַנען „פראַנצויזישע העפליכקייט" דאַנקט אַלבערט כהן דעם מחבר „גאָר פריינדליך" און איז נאָך מוסיף עטליכע „שענע ווערטער" אויף אָנצוטהון דעם מחבר אַ נחת־רוח.

ווערד עהרענקראַנץ פון אַלבערט כהן'ס בריוועל גאָר נתפעל. פּאַריז איז זיינס. אַלבערט כהן, דער גרויסער פּאַריזער כלל־טהוער איז זיינער.

שרייבט ער שוין אָן צו אַלבערט כהן אַ „ידידי־ברי־וועל" און רעדט זיך פֿאַר איהם אָב דאָס גאַנצע האַרץ. אגב באַקלאָגט ער זיך פֿאַר איהם פֿאַרוואָס די אַליאַנץ האָט נור צוואָנציג פראַנק געשיקט.

אַלבערט כהן לייענט נישט אַמאָל רעכט די גרויסע אָנגעשריבענע מגלה. ער האָט זיינס געטהון און איצט איז ער נישט מעהר מחויב זיך צו לאָזען. פֿון עפּיס אַ'ן „העברעאישען בטלן" אין רומעניען, דולען דעם קאָפּ. אָבער עהרענקראַנץ רוהט נישט. ער אַליין שרייבט און שרייבט בריעף, און חוץ לזה שיקט ער אויף איהם אויף זיין פריינד משה אָרענשטיין. אָרענשטיין שרייבט צו אַלבערט כהן דריי מוסר־בריף, איינעם נאָכ'ן אַנדערען. „ס'טייטש, ווי אַזוי ענטפערט מען דאָס נישט עהרענקראַנצען ?" ביז סוף־כל־סוף אַלבערט כהן וויל פּטור ווערען אַ'ן עסק און ענטפערט אַ בריוועל פֿון „וואַש מיר דעם פעל'ץ און מאַך מיר איהם נישט נאַס". מ'זאָל איהם מוחל זיין זיין שווייגעניש „באשר מ'שרייבט צו'ן איהם פֿון אַלע עקען וועלט און ער האָט נישט נור צוויי הענד". אין תוך אַריין דערקענט מען אָן דער תשובה אַז ער האָט עהרענקראַנצ'ס בריוועל גאָר נישט געלייענט.

עהרענקראַנץ איז אַרויס אויס די כלים. אין אַ בריף צו משה אָרענשטיין פֿונ'ם 3 מערץ תרל"ה שרייבט ער: „אין דער התחלה האָב איך געמיינט אַז די שריפט און דער סטיל איז פֿון ר' מאיר אָדעסער, וועלכער.האָט געדערם אים מה. ס'איז אָבער פֿאָרט אונטערגעשריבען „אַלבערט כהן". דו זאָלסט וויסען אַז ווען איך וועל קומען קיין באַקוי „אחצוב

במרום קברים בגלל גדולי וגאוני ישראל" ווי אזוי קומט א מענש נישט ארויס אויס די כלים ווען „מ׳דערהויבט איהם ביז צום הימעל און מ׳ווארפט איהם אראב אין דער שאול תחתיה אריין ?"

עהרענקראנץ איז אבער באלד מוסיף אז „אהן ארענשטיין וועט ער גאר נ׳שט טהון". דערווייל איז ער גוזר אויף דעם העברעאישען לעהרער, ישראל טעלער, אז ער זאל אנשרייבען א בריף צו אלבערט כהן און איהם זאגען מוסר פארוואס ער באנעהט זיך אזוי שלעכט אקעגען דעם העברעאישען דיכטער עהרענקראנץ."

ביים סוף פון דעם דאזיגען בריף באווייזט זיך ווידער דער „אלטער וועלוואלע".

„אויף פורים בין איך געלאדען קיין באהוש. מ׳איז איינענס געקומען מיך איינלאדען, און דוקא „ציוניסטען". די פורים־טעג וועלען זיך ארויסציהען ביז שפעט, שפעט נאך פורים, ונתעלסה באהבים בדם ענבים ובשר חלבים".

„דוקא ציוניסטען", די בני ציון, די דעמולט אזוי געררופענע פאטריאטען אדער ציוניסטען, זענען דאך געוועזען די סמעטענע פונ׳ם רומעניש־מאדערנען יודענטהום. ביי זיי האט וועלוואלע געפונען א שטיץ. זיי האבען זיך מיט איהם געחבר׳ט. מיט זיי האט ער גענעסען, געטרונקען און געזונגען. פונדעסטוועגען האט עמיצער נאר בעדארפט א זאג געבען: „ציוניסטים עליך וועלוואלע!" איז דער דאזיגער גבור אומגע-

פֿאַלען פֿאַר שרעק און האָט געציטערט ווי אַ'ן אומבאַהאָלפֿען קינד.

אין אַ בריף צו אָרענשטיין, אויס טולטשאַ (דעמולט נאָך טערקיי) פֿונ'ם 25 אַפּריל תרל"ה, שרייבט ער:

„דו וועסט דיך אַודאי חדוש'ען ווי אַזוי קום איך פלוצים קיין טולטשאַ, וויל איך דיר מגלה זיין דעם סוד: נאָך ווען איך בין געוועזען אין פּיאַטראַ האָט מיך איינער פֿון די בני ציון, און ער איז אַ טייערער און עדעלהאַרציגער מענש—אַזוי ווי איך האָב דיר דערצעהלט אַז ער האָט מיר פֿאַר מיין טרחה געגעבען 95 פֿראַנק — פֿאַרבעטען צו זיך אין דאָרף אַריין, אָבער שבת־פֿריה, נאָכ'ן קידוש, האָט ער געלייענט מיין „רומניה", האָט איהם פֿאַרדראָסען אויף מיר און ער האָט געזאָגט בזה הלשון „וואָס האָט איהר זיך אַזוי צופֿלאַקערט?" האָב איך איהם געענפֿערט „ס'איז נאָך וועניג. איהר (די ציוניסטען) זענט די פּאַטריאָטען פֿון די מערדער. איך ווינש מיר אַז איך זאָל קענען זייער מערדער זיין". האָט ער שוין חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט מיך געערגערט און האָט מיט אַ ווייך קול געזאָגט „איך מיין נישט דאָס, מיך אָנצונעמען זייער קריוודע, אָבער איך מיין אַז איהר זענט אין אַ סכנה". און ער האָט אויפֿגעעפֿענט אַ געזעצבוך און האָט מיר געוויזען אַ פּאַראַגראַף אַז פֿאַר מיין „רומניה" קען איך באַקומען צוואָנציג יאָהר שווערען קערקער".

„ס'איז אויף מיר געפֿאַלען אַ פּחד. אלע אברים האָבען ביי מיר געציטערט. האָב איך אָבער באַלד געפֿרעגט מיינעם

א פריינד, אַ'ן אדוואָקאַט. וועגען דעם, האָט ער מיך אויס־געלאַכט. „ערשטענס — האָט ער געזאָגט — איז אין רומעניען פּרעס־פריייקייט. צווייטענס איז דאָס אַ פאַראַלטעט געזעץ, דריטענס קענסטו דו זאָגען אז ס'איז ליגען. אז נישט דו ביזט דער מחבר פון'ם „רומניה"".

„כדי גאָר זיכער צו זיין האָב איך מיר געלאָזט צושיקען אַ בריף אויס וויען אז איך בין נישט איך, אז איך און דער מחבר פון'ם „רומניה" זענען צוויי. „יוסף בן שמעון" און אַזוי ביז איך מיר רוהיג געפאָהרען קיין גאַלאַץ אויף פסח. און גאָט האָט מיר געהאָלפען. איך האָב מיר אויס־געבאָרגט אַכט רענדליך און האָב אָנגעגרייט אַ פסח, גאָר אַ פיינעם. אַ פסח אַזוי ווי איך האָב ליעב און ווי דיר וואָלט געפעלען. אָבער אַ'ן אומגליק! דעם צווייטען טאָג פון פסח איז געקומען צו מיר מיינער אַ פריינד, איינער וואָס האָט מיך ליעב—און ער איז אַ'ן איש־אמת—און האָט מיר דער־צעהלט אז ער איז געוועזען פאַר פסח ביים באַהוש'ער רב. דאָרט האָט מען גערעדט וועגען מיר און וועגען מיין „רומניה". האָט איינער ביים טיש געפרעגט דעם רב אויף זיין מיינונג איבער מיין „רומניה" און דער באַהוש'ער רב האָט געענטפערט בזה הלשון „איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט אז צעהן מאָס לשון־קודש איז דאָ אויף דער וועלט. 1 מאָס האָט די גאַנצע וועלט און 9 מאָס האָט וועלוויל זבאַראַשער". האָט איינער אַ פרעמדער זיך אָנגערופען „יאָ, אָבער ליידער איז נויטיג איהם צו וואָרענען. איך בין געוועזען אין קאַפעהויז האָב איך געהערט אז די ציוניסטען ווילען אַלסדינג אָנווענדען און איהם איבערגעבען דער רעגירונג."

„דערהערענדיג דאָס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש.

איך האָב געהאַט אַ פאַרשטערטען יום־טוב. מיינע פריינד אין גאַלאַץ האָבען אפילו געפרופט מיך טרייסטען. זיי האָבען געזאָגט: „ס'קען זיין אז דער דערצעהלער איז אַ'ן איש אמת אָבער דער פרעמדער איז אַ ליגנער". איך קען אָבער די חברה־לייט, די בני־ציון. זיי זענען פיעלע און האָבען אַ גרויסע קאַסע מיט פרעמד געלד און איך בין איינער אַליין און דערצו אַ'ן אָרימאַן. האָב איך מיך מיישב געוועזען און בין תיכף נאָך פסח אַוועק מיט מיין פרוי (וועלוויל האָט אויף דער עלטער חתונה געהאַט מיט זיין „אַלטער באַקאַנט־שאַפט", מיט דער בוקאַרעסטער מלכה'לע) קיין טולטשאַ, אין דער טירקיי, און האָב מיך דאָ באַזעצט. אין דער טירקיי, אין מיין נייעם וואויהנלאַנד, וועל איך מיך ערשט נוקם זיין אָן די נידערטרעכטיגע פאַטריאָטען פון די מערדער, וועלכע מאַטערען און פלאָגען זייערע ברידער. ערשטענס וועל איך לאָזען דרוקען אַ קול־קורא אין העברעאיש און אין יודיש אויף צו וואָרענען דאָס פאָלק אז זיי זאָלען נישט צוטרעטען צו דער דאָזיגער חברה, און ווען זיי זענען שוין אין דער חברה זאָלען זיי אויסטרעטען. צווייטענס וועל איך (דו פאַרשטעהסט דאָך וואָס איך מיין... וויז מיין בריף איי־נעם פון דער חברה... אצונד זאָלען זיי ציטערען) לאָזען אָבדרוקען אין דער צייטונג אַ'ן אַרטיקעל אין מאָלדאָווישער שפראַך, אין וועלכען איך וועל זאָגען אז די ציוניסטען אַליין האָבען מיר געגעבען דאָס געלד אויף צו דרוקען מיין רומניה. דער־מיט וועל איך מקיים זיין „ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו".

„און אַצונד ווייס מיין פֿריינד אַז מיין פֿוס קען נישט מעהר באַטרעטען די רומענישע ערד, ווייל איך האָב מורא, פֿון דאַנעט פֿאָהר איך באַלד אריין קיין רוסלאַנד...

און וואָס איז געוועז דער סוף? נישט די בני ציון איז אמאָל געקומען אויף דער מחשבה זייער וועלוואַלע עפּיס רשעות צו טהון און נישט ער איז מיט זיי ברוגז געוואָרען. טאַקי באַלד, באַלד האָט „זיין פֿוס ווידער באַטרעטען די רומענישע ערד" און דוקא די בני־ציון זענען געוועזען זיין שטיין. מיט זיי האָט ער זיך נע'חבר'ט. מיט זיי האָט ער גענעסען, געטרונקען און געזונגען.

דעם 2 נאָוועמבער תרל״ו שרייבט ער אויס בוקאַרעסט צו משה אָרענשטיין:

„איך האָב געוואָלט זונטאָג פֿון דאַנעט אַוועקפֿאָהרען איז צו מיר געקומען אונזער פֿריינד עקיבא חשמל, האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך און איך האָב פֿאַרדינט עטליכע רענדליך. דערנאָך האָט מיך אויערבאַך געלאַדען צו זיך און איך האָב ווידער פֿאַרדינט היבשע עטליכע רענדליך. איצט בין איך אויף מוצאי שבת ווידער צו'ן אַ חבורה־מאַן גע־לאַדען. אַזוי לאַנג איך פֿאַרדיען דאָ צו־וואָס זאָל איך אי־בערלאָזען בוקאַרעסט?"

וואָלף עהרענקראַנץ, דער יודישער פֿאָלקס־דיכטער, האָט ביז צו זיין לעצטען אָטהעם־צוג געדיכטעט. ער האָט

אין זיין דיכטונג, אָפּטמאָל, דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דערביי איז ער געבליבען אַ גרויס אומבאַהאָלפען קינד. דער באָהוש'ער רב (נישט צו רעדען איבער דעם אייגענטליכען ווערטה פונ'ם רומניה) האָט אויף איהם געזאָגט אַז פון די 10 מאָס לשון קודש וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט האָט ער 9 מאָס, איז דער באָהוש'ער רב — דער גרעסטער מענש. די בוקאַרעסטער מלכה'לע איז אַ שווערמערין פאַר זיינע יודישע ליעדער, זי איז זיין גרעסטע חסיד'עסטע, האָט זי אויף איהם אַ שליטה און ער האָט מיט איהר אויף דער עלטער התונה. נאָך דעם רוסיש־טערקישען קריעג, אים יאָהר תר"מ פאַרפיהרט זי איהם קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט איז זי איהם מפרנס און ער זיצט אין אַ חדר־מיוחד, און דיכטעט און חלומ'ט. און חלומ'ט זיך אריין, אים יאָהר תרמ"ב — אין דער אייבינקייט.

מיין האַרציגער חבר.

(אַריינגעשריבען אינ׳ם ספר הזכרונות פון ליבל טויבש).

...ווינטרויבען אין דער מדבר.

א גאַליציש שטעדטעל, גרויס ווי א געהניץ, א ספק־דאָרף און ספק־שטאָדט, שפּיעלט זיך אין ליאַלקעס פון א גרויסער שטאָדט. מערישקעס מאַכען העויות ווי עלעפאַנטען. מ׳גרינדעט א באַנק. דער גביר פון׳ם שטעדטעל ווערד דער באַנק־דירעקטאָר. ביי א טיש, וואָס איז איבערגעצויגען מיט א גרין טישטוך, זיצט ער אויבען־אָן און רויכערט גאוה׳דיג זיין לאַנגע לילקע־ציבוך מיט דעם גראָבען בורשטינענעם פּיסקעל. דעם גביר׳ס איידעמליך, זיידענע יונגע לייט, זענען די באַנק־בעאַמטען. א מאָדנע ניי גבאות און א שפּאָגעל־נייע מזרח־וואַנד. דער באַנק־דירעקטאָר און די באַנק־בעאַמ־טען ארבייטען „בחנם״. אַלסדינג וואָס זיי טהון, טהון זיי נאָר לטובה פון די אָרימע בעלי־בתים, וועלכע מוזען זיך אמאָל אויסלייען עטליכע ריינישׁ צום מסחר.

ס׳איז א באַנק פון יאָ גמילות־חסדים, און נישט גמילות־חסדים. פון יאָ פּראָצענט און נישט פּראָצענט. יעדער בעל־הבית איז אַליין א שותף צו דער באַנק, צאָהלט איין

ף א „ביכעל“ 25 רייניש מיט נאָר א קליינער „תוספות־כתובה“ אויף באַנק־הוצאות. דערנאָך קען ער זיך לייהען 50 רייניש, און אַמאָל נאָך מעהר, אויף נאָר א קליינעם פּראָצענט. דערצו איז ער איינענטליך זיין איינענער בעל־הלואה. ער אַליין איז דער לוה און דער מלוה. ער האָט א חלק אין דער הכנסה און צאָהלט זיך אַליין פּראָצענט. הכלל ס'איז פֿוינעלדיג. נאָך אַמאָל: א באַנק־דירעקטאָר בחנם, באַנק־בעאַמטען בחנם'דיגע, אַליין א שותף צו איינענער און פֿרעמדער הלואה, מיין ליעבער ר' קרוב, וואָס ווילט איהר נאָך מעהר?

איז אָבער דערביי נאָר איין קליינע צרה. אין א באַנק קען מען נישט און מ'טאָר נישט פֿיהרען קיין פּראָצענט־חשבון נאָך דער וואָך־סדרה. אין א באַנק נעהט נישט דער עסק מיט תרומה־תצוה, ויקהל־פקודי און מטות־מסעי, אויף צו גנב'נען א וואָך, ווען די דאָזיגע סדרות „געהן אינאיינעם“. אין א באַנק מוז מען פֿיהרען ביכער ווי גאָט האָט געבאָטען, און, להבדיל באלף אלפי אלפים הבדלות „ווי דער פּריץ וויל“. זענען אָבער דער באַנק־דירעקטאָר און זיינע איידעמ־ליך, די ויידענע יונגע־לייט, די באַנק־בעאַמטען, מחילה, שטומפּיג אויף דער דייטשער עברי. הויבט זיך דאָ אָן די צרה, ובאין ברירה מוז מען פֿון א גרעסערער שטאָדט באַציה־ען א יונגען מאַן, א וואויל־קענעוודיגען, א חצי־משכיל, און איהם צאָהלען שכירות זעקס רייניש א וואָך אויף „פּרנסה בריוח“ מיט ווייב און קינדערליך.

דעם דאָזיגען יונגען מאַן ווארפֿט מען צו דעם גאַנצען

עסק אין קאָפּ אַריין. ער איז מחויב אַלסדינג אָנצושרייבען, און דער באַנק־דירעקטאָר מיט דער לאַנגער לילקע־ציבוך און דעם בורשטינענעם פּיסקעל, דאַרף זיך נאָר אָנטהון די בריל און דאָס אָנגעשריבענע אונטער׳חתמ׳נען, און זיינע איידעמליך, די ויידענע יונגע לייט, די באַנק־בעאַמטען, דאַרפען זיך אַרומדרעהען אין דער באַנק „עצות געבען“.

טרעפט זיך אָבער, אַמאָל, אַז דער בעצויגענער, וואויהל־קענעוודיגער יונגערמאַן איז נישט נור אַ שרייבמאַשין פון׳ם גביר, און זיינע איידעמליך, אַז ער איז מעהר ווי אַ חצי־משכיל, אַז ער איז נאָר אַ גאַנצע מסכתא פאַר זיך, און האָט זיינע אייגענע גייסטיגע באַדערפנישען און זיינע אייגענע באַשטרעבונגען. אַזוי ווערד דער דאָזיגער יונגער מאַן באַלד אַ גאַנצער „כל ולך“ אין דעם דאָזיגען מערישקע־הויפען און קעהרט באַלד איבער דאָס גאַנצע שטעדטיל... אפילו דער דירעקטאָר, מיט דער לאַנגער לילקע ציבוך און מיט דעם גראָבען בורשטינענעם פּיסקעל; ער אַליין און זיינע איידעמליך, די ויידענע יונגע לייט, די באַנק־בעאַמטען, מוזען פאַר איהם האָבען דרך ארץ.

„איהר ווילט אייך אין אונזער שטעדטעל באַקענען מיט א י י ע ר ע ן אַ מענש“. מיט אַ וואהוילקענעוודיגען, אַ משכיל, און דערביי אַ יוד מיט׳ן פולען מויל?“ — זאָגט צו מיר אַ פרעהליך יודעל מיט בליצענדיגע אויגען—„אַזוי מוזט איהר געהן אין א ו נ ז ע ר באַנק און זיך באַקענען מיט

אונזער בוכהאַלטער, מיט אונזער ר' ליבל טויבש. ס'איז כדאי איהם צו קענען. איהר וועט ערשט זיין דער רעכ־טער מבין אויף איהם".

דאָס איז געוועזען אים יאָהר תרמ"ט. און איך קען נאָך היינט זאָגען, אַז ס'איז באמת כדאי געווען: פאַר מיר שטעהט אַ יונגערמאַן, אַ'ן ערך דרייסיג יאָהר אַלט, הויך געוואַקסען, אַ בלאָנד בערדיל, אַ זיידען קאַפּעל אויף דעם קאָפּ, שען־יודיש־עלעגאַנט אָנגעטהון. ער פרעהט זיך מיט מיר און איך פרעה מיך מיט איהם. פון דער ערשטער רגע פיהל איך אַ'ן אויסטערליש צוגעצויגענקייט צו איהם. דער שמייכעל אַרום זיינע ליפען, וועלכער פאַרשפּרייט זיך אַרויף איבער די אויגען און גרעניצט זיך ערשט אָב ביי די ערנס־טע מחשבות־קנייטשען אויף זיין שטערן, איז ביי מיר אַ שפּיגעל פון זיין נשמה.

איך הער איהם רעדען און רעדען. ער רעדט פּשוט בעל־הבת'יש, ווי אַ יוד אַ חכם, אָהן קונצען, אָהן ראיות פון קלינגענדיגע יודישע און גוי'אישע פּסוקים. פאַר איהם איז נענוג דער שכל הישר. דער שכל הישר האָט געזונדע פוס און האָט נישט נויטיג צו טראַמפּלען אויף פרעמדע שטאָלצען...

איך הער איהם רעדען און רעדען, אָבער בשעת דעם פּשוט'ען לאָגישען רעדען צינדט זיך אָן אין זיין האַרץ דאָס פייער פון אהבת ישראל.

פון טאַטע'ס צד דעם „קרני ראם'ס" אַ'ן אייני־קעל, און פון דער מאַמע'ס צד דעם „בעל־שם'ס"

אין אייניקעל, מישט זיך ביי איהם אויס לומדי'ישע קאלטע שארפקייט מיט חסידי'ישע התלהבות, לאנגישער ערנסט מיט הייסער ליבשאפט צו כלל ישראל.

ער פיהלט אין זיך דעם שטארקען רצון און דעם גע־וואלדיגען כח צו קומען צו זיינע ברידער, צו אלע יודישע בעלי־בתים און צו זיי רעדען בעל־הבתיש, זיי אויפצוקלערען מיט'ן שכל הישר איבער זייער פאליטישען און עקאנאמישען מצב, זיי העלפען צו געפינען א וועג אויף אויסצובעסערען און איבעראנדערשען דאס דאזיגע נישט נאטירליכע און נישט נערעכטע התנהגות פון זייערע שכנים אקעגען זיי.

די באנק־חשבונות זענען פאר איהם צו טרוקען, די יודישע קהלה אין זיין וואויהנארט צו קליין, זיין אהבת ישראל טרייבט איהם ארויס אין דער גרויסער וועלט אריין, ער מוז... ער מוז...

ביי אונזערע איבערגעשפיצטע מענשאליך, ביי אונזע־רע איבער־חכמים, איז אפשר „אהבת ישראל" צו ווייניג אויף אבצושאצען דאס גרויסקייט פון א מענשען. ביי מיר איז דאס די העכסטע מדרגה, און ווענען דעם וויים איך דעם גרויסען ווערטה פון ליבל טויבש צו שאצען, און ווענען דעם — פיהל איך פון דער ערשטער רגע פון אונזער באַ־קאנטשאפט א הארציגע חבר'שאפט צו איהם.

איציק יונה.

(סקיצע)

איציק יונה איז, אָהן עין־הרע, א יוד קרוב צו שבעים. פונדעסטוועגען ביי די כחות, ער לייענט נאָך אָהן א בריל.

שוין דאָס פיערטע ווייב. מיט יעדער חתונה געהאַט, ווען זי איז נאָך געווען א בת־בנים. אָבער, לא־עלינו, נישט איין איינציג קינד.

מסתמא איז דאָס דער רצון פון השם־יתברך. א זינ־דיגע בריה טאָר נישט מהרהר זיין נאָך זיינע מדות.

יונגעל־ווייז געווען א מושלם. פון דער גאַנצער וועלט האָט מען געמעגט פאָהרען אָנצוקוקען אויפ'ס חדוש זיין פארציקטען „ב"ה", זיין אויפגעמאָהלטען פיש אויף א „משנכנס אדר" און זיינע „רייזלעך" אויף שבועות.

דערזועלבער ספרא רבא איז ער אויך דערנאָך געווען אין דייטשען כתב ולשון. כמעט גאַנץ בויבעריק איז געקו־מען צו איהם אָנשרייבען א שענעם אדרעס צו'ן א מחותן אָדער צו'ן א פרייץ. מ'דערצעהלט זיך נאָך עד היום אין ק"ק בויבעריק, אז ווען ס'איז אמאָל אויסגעקומען בויבעריק'ער קהל צו שרייבען א קונציגען דייטשען מליצה־בריעף קיין

לעמבערג; דעמולט האָט דער ראש־הקהל — כאָטש ער אליין איז אויך נישט געווען קיין עם־הארץ אין זאָלכע ענינים — זיך נישט געשעהמט צו שיקען רופען דאָס בחור׳ל איציק־יונה.

באלד נאָך זיין ערשטער חתונה איז ער אין בויבעריק געוואָרען א הציר־מלמד און א הציר־שרייבער. דאָס הייסט, זיין שרייבען־לערנען איז געווען א גרויסע מעלה צום מלמדות. א קליינינקייט! דער גרעסטער גביר פון בויבעריק האָט איהם אריינגענומען צו זיך אין שטוב, אויף צו לערנען מיט זיינע יונגליך גמרא מיט תוספות, און דערביי טאָקע זיי און זייערע שוועסטערליך צו־צו־ווייזען דאָס יודישע און דייטשע כתב.

דעמולט האָט ער נאָך געגעסען קעסט ביים שוועהר, און דעם שכר למוד האָט ער דעם שוועהר אוועק־געבאָרגט צום מסחר. דערפאַר האָט דער שוועהר איהם געגעבען א באַזונדערען שטר־חוב, חוץ דעם „שטר־חצי־זכר” און חוץ דעם שטר־חוב פאַר'ן נדן, וואָס ער האָט פון איהם שוין פריהער געהאַט.

שפעטער האָט איציק־יונה זיך שוין געמאַכט א חדר מיט תלמידים פון געקליבענע בעלי־בתים. דערביי האָט ער אָבער תמיד געהאַט צוויי שעה אין טאָג, אין וועלכע נגיד־שע גרויסע מיידליך זענען צו איהם אהיים געקומען לערנען שרייבען.

אין די שפעטערע יאָהרען איז איציק־יונה'ס מטבע אביסעל פסול׳דיג געוואָרען. פויליש האָט ער קיינמאָל נישט

געקענט, און — גאָר נישט געוואָלט קענען. „צו וואָס דאַרף מען פויליש, ווען ס'איז דאָ אַזאַ טייערע דייטשע שפּראַך?" אָבער ווי אויף־להכעיס שרייעט קינד־און־קייט נאָר דוקא פויליש און פויליש.

פונדעסטוועגן אין פרנסה האָט ער זיך, גאָט צו דאַנקען, נישט צו באַקלאָגען... וואָס איז שייך צו זאָגען פרנסה? וויפיעל השם יתברך גיבט מוז זיין גענוג.

איציק־יונה איז נאָך עד היום, אין זיינע מעשים און זיינע מחשבות, כמעט דאָסזעלבע יונגעל, דאָס זעלבע מושלמ'ל, פון אַמאָל. דאַכט זיך, אַז דער באַגריף פון „צייט" פעהלט איבערהויפּט אין זיינע חושים. די דורות פון אדם הראשון ביז היינט ליעגען ביי איהם אין מח איינס אויפ'ס אַנדערע, אין דעמזעלבען קעמעריל, אָהן אַ שום חציצה.

אָט איז ביי איהם דער חשק צום מאָהלען אַלע מאָל גרעסער געוואָרען און ער האָט יעדעס מאָל בעקומען אַ גרעסערע השלמה. דעם ביסען פונ'ם מויל שפּאַרט ער זיך אָב, קויפט פאַרשידענע פאַרבען און מאָהלט בילדער. און ער מאָהלט נישט דוקא דאָס וואָס ער זעהט בחוש. ער מאָהלט אויך בילדער פונ'ם דמיון. און אָט האָט ער פאַרטיג געמאַכט אַ בילד פון אברהם אבינו און זיין קנעכט אליעזר. דאָס אויפטראָגען פון די פאַרבען, די פאַרטהיילונג פון ליכט און שאָטען איז באמת קונציג. אָבער — אברהם אבינו געהט ביי איהם אָנגעטהון אין אַ זיידענעם קאַפּטאַן, אויף די פּוס שוך און זאָקען, אויפ'ן קאָפּ אַ שטריימעל

און אין מויל א לאנגע לילקע־ציבעך. און אליעזר זיין קנעכט שטעהט פאר איהם, דערלאנגט איהם א „שוועבעלע", און ער רייבט עס פאר איהם אן צום פאררייכערען די לילקע.

צו מאכען אמאל א נסיעה קיין וויען, איז איציק־יונה'ן קיינמאל אפילו אויף דער מחשבה נישט געקומען. פאלג מיך א גאנג. וואו איז בויבעריק און וואו איז וויען? פון דעסטוועגען האט ער יאהרענלאנג משתוקק געווען דריי וויענער זאכען מיט איינענע אויגען אנצוקוקען א) דעם קיסר'ס הויף, ב) דאס בילדער־מוזעאום, און דעם דאקטאר בלאך.

מילא דעם קיסר'ס הויף יאך דעם קיסר'ס הויף, איהם קען ער זיך לייכט פארשטעלען. ער וואלט איהם אפילו געקענט אב־מאהלען. ער קען איהם דאך אויס דער באשרייבונג פון שלמה־המלך'ס פאלאץ אין „תרגום שני"... אויך דאס בילדער־מוזעאום איז איהם נישט אזוי פרעמד. פון א „וויענער רייזענדען", וואס איז אמאל פערבלאנדזשעט געווארען קיין בויבעריק, האט ער זיך נעלאזט דערצעהלען און דערצעהלען שעה'ן־לאנג איבער ראובן'ס און רפאל'ס צאצקאליך. דער דאזיגער „רייזענדער" האט אפילו ליעב גוזמאות, חוץ לזה איז דאך ביי אזעלכע זאכען אודאי נישט גלייך ראיה צו שמועה, פון דעסטוועגען האט ער דאך שוין עפעס א ידיעה דערפון. ער פארשטעהט זיך דאך אויסצוקלויבען, אויס די גוזמאות

פון דעם דאָזיגען „רייזענדען", די קערנער פֿונ'ם פסולת...
נאָר אָבער איבער דאָקטאָר בלאָך — קען איהם קיין שום בן־אדם נישט זאָגען, דאָס, וואָס ער וויל הערען.

און דוקא צו דאָקטאָר בלאָך ציהט איהם דאָס האַרץ מיט אַ גאַנץ באַזונדערער תשוקה.

די מעשה דערפֿון איז אַזוי: פֿאַר עטליכע און דרייסיג יאָהר איז קיין בויבריק מגולגל געוואָרען אַ קליין דייטש ספר'ל, די תשובה פֿון דאָקטאָר יוסף שמואל בלאָך אַקעגען פּראָפֿעסאָר ראָהלינג'ס אָנפֿאַלענישען אויף יודען. איציק־יונה האָט די דאָזיגע תשובה געלייענט מיט גרויס כונה... ער איז פֿון איהר אַזוי נתפעל געוואָרען, אַז ער האָט זי שוין ביז היינט מאה פעמים ואחת איבערגע'חזר'ט. און ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין געלייענט, נייערט אויך פֿאַר יעדען, וואָס האָט זי נאָר געוואָלט אויסהערען... און ביי יעדעסמאָל לייענען איז זיין התלהבות געוואַקסען... דער עולם האָט שוין דערפֿון געוואוסט. און ווען מ'האָט איהם געוואָלט אָנטהון אַ נחת־רוח, האָט מען איהם נאָר געבעטען, אַז ער זאָל פֿאָרלייענען בלאָך'ס תשובה און זי פֿערטייטשען אויף פשוט יודיש... חברה־קונדסים האָט שוין חשק געהאַט, איהם מכבד זיין מיט אַ „צונאָמען". אָבער זיינע געוועזענע תלמידים האָבען „אויס רחמנות" איהם אָבגעוועהרט.

זייענדיג אין לעמבערג, האָט זיך איציק־יונה אַמאָל בגנבה אַריינגעכאַפּט אין יודישען טעאַטער. און ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער אַליין אָנגעשריבען אַ דראַמע „שמשון הגבור" — אין פֿיער און צוואַנציג אַקטען.

שמשון הגבור האָט געדאַרפֿט קומען אויף דער ביהנע אָנגע־טהון אין אַ לאַנגען טלית־קטן מיט כפול־שמונה׳דיגע ציצית, און האָבען אַ וכוח מיט די פלשתים איבער עלילת־דם און איבער פֿאַרשידענע מאמרים אין ש״ס און אין זוהר אַקעגען די אומות העולם. הכל כמו שכתוב אין בלאָק׳ס תשובה. נאָר—נאָך מיט מעהר פישטשעווקעס.

איציק־יונה איז איצט מיט דעם מבול פֿון די „אַנטלויפֿענדיגע״ פֿאַרשווימען אויף דער „וויענער אינזעל״, אין דעם אָרט פֿון זיין תמיד׳דיגען חלום... ער האָט אַלסדינג אָנגע־קוקט מיט אייגענע אויגען, נישט נאָר געקוקט, נייערט אויך געגלאָצט. אָבער — איציק־יונה איז דאָך שוין אַ יוד אָהן׳ עין־הרע, קרוב צו שבעים. זיין ראיה איז דאָך שוין אַביסעל געשוואַכט. אפשר דורך דער וויטער נסיעה. ער מוז שוין האָבען אַ בריל.

און ס׳איז באמת אַ פלא והפלא. אַלע וויענערברילען טויגען׳ פֿאַר איהם אויף תשע־און ניינציג כפרות. ווען ער וויל זעהן, דאָס וואָס ער האָט זיך תמיד פֿאָרגעשטעלט קען ער נאָר זעהן מיט—אַ בויבריק׳ער בריל.

די דאָזיגע נאַכט פֿון סילוועסטער.

(הומאָרעסקע)

מיינער אַ חבר איז אַ „ווילדער" הקרן. וואָס ער זעהט און וואָס ער הערט, וויל ער דוקא דערגרונטעווען. ער איז אַזוי לאַנג חוקר־ודורש, ביז ער איז עוקר מן השורש. דערביי איז אָבער זיין טבע נישט קיין קאַלטע, נישט קיין רוהיגע. אדרבה, ער איז גאָר אַ מאָל אַ פֿייעריגער „פֿלאָקענשיסער". ביי דער מינדעסטער זאַך, וואָס איהם דאַכט זיך, אַז ס'איז אַן אומרעכט, צופֿלאַקערט ער זיך און האַקט מיט געשוואָלענע מליצות.

אַ דם־שונא איז מיין חבר די יודישע נאָכקרימערס. „אַסימילאַציע" איז פֿאַר איהם ווי דאָס רויטע טיכעל פֿאַר אַ „צוויישעטען אָקס." אליין אַ מאָגערער, אַ בלאַסער יונגערמאַן, אָבער ווען ער דערזעהט ביי יודען אַ נישט־יודישען מנהג, פֿלאַטערען ביי איהם פלוצים די נאָז־פֿליגעל, און נאָך אַ רגע פֿלאַמען ביי איהם די באַקען, די אויגען שפריצען פֿונקען ווי ביי אַ רוצח. און דאָס מויל שפייעט ברענענדיגע מליצה־קויהלען.

איינמאָל, גראָד דעם 31. דעצעמבער אָבענדס, זיצען מיר ביידע, אין אַ קאַפֿע־הויז. אין דער התחלה איז דאָס

קאַפֿע־הויז נאָך במעט לעדיג. איך און מיין חבר זיצען גאַנץ בהרחבה איינער אַקעגען דעם צווייטען, ביי אַ מאַר־מאָרען טישעל. פֿאַר יעדען פֿון אונז שטעהט אַ גלאָז טהעע. מיר זופּען שוויינענדיג און ביים זופּען לייענט יעדער זיין צייטונג. אָבער באַלד, באַלד, בעקומט דאָס קאַפֿע־הויז אַ'ן אַנדער פּנים. פֿון רגע צו רגע עפֿענט זיך די טהיר און ס'רוקט זיך אַריין רעש'דיג איין יוד נאָכ'ן אַנדערען, יעדער מיט אַ צילינדער אויף'ן קאָפּ, און נאָך יעדען שלעפּט זיך נאָך זיין גאַנצע משפחה, דאָס ווייב, די טעכטער און די זוהן, אַלע יום־טוב'דיג אויסגעפּוצט.

מיין חבר רוקט זיך שוין אויף'ן בענקעל. ער זיצט אויף שפּילקעס, און פלוצים שיעסט פֿון איהם אַרויס אַ מבול ווערטער:

„אַט האָסט דו דיר אַ נייעם יום־טוב אויף יודען. איך וויל מיך נישט מרגז זיין און וויל אויך קיינעם נישט מרגז זיין, אָבער נאָר איינס פֿרעג איך: האָבען אונזערע שכנים עפּיס אַ שייכות צו אונזער ראש־השנה? נעהט זיי עפּיס אָן דער חשבון פֿון אונזער הלל הזקן? און פֿאַרוואָס, פֿרעג איך, ווען זייער פּויבסט גרעגאָר האָט פֿאַר זיי אויסגערעכענט, אַז ראש־השנה געפֿאַלט דעם ערשטען יאַנואַר, פֿאַרוואָס זענען יודען מחויב זיי נאָכצומאַנצען און זיך מאַכען אַ יום־טוב? ווי אַזוי, פֿרעג איך, קריכט דאָס אַ יוד, וועלכער האָט געלערנט מסכת דרך ארץ, אָדער נאָר געלייענט קנינע'ס אומגאַנג מיט מענשען; ” ווי אַזוי קריכט ער מיט פֿאַרבלאָ־טינטע שטיוועל אין אַ פֿרעמדען סאַלאָן און וויל דוקא

טאַנצען אויף יענעמ'ס שמחה ?... פע... מיאוס... יודען־נאַכ־קרימערס, בלאַטיגע נשמות !..."

מיין חבר איז שוין מלא־כעס. נישט ווילענדיג זיך אליין דער'רגז'נען און נישט יענעם דער'רגז'ענען, דערהיצט ער זיך אַזוי ביים איינענעם רעדען, אַז אָט־אָט איז ער אַרויס פון די כלים. ס'טייטש אַסימילאַציע !...

איז אָבער אין אלע ווינער קאַפעהייזער אַ מנהג, אַז וואָס איהר וועט זיך ניט הייסען געבען, אַ קאַווע, אַ שאָקאָ־לאַדע, און אַפילו אַ גלעזעל ליקער, אָדער נאָר אַ פּשוט גלאָז טהעע, גיבט אייך דערצו דער קעלנער, פרייוויליג, מסברא דנפשיה, אַ קאַלט גלאָז וואַסער. און דעמולט, ווען מיין חבר צופלאַקערט זיך, פאַרשפּיר איך אין די פינגער פון מיין רעכטער האַנד אַ'ן אויסטערלישען חשק, אָט־אָט ווילט זיך מיר כאַפּען דאָס קאַלטע גלאָז וואַסער און איהם אָבגיסען אויפ'ן דערהיצטען קאָפּ.

האָב איך אָבער געלערנט מסכת דרך ארץ און געלייענט קניגע'ס „אומגאַנג מיט מענשען". ס'איז דאָרט אפילו נישט „בפירוש איתמר", אָבער דאַכט זיך דאָך „מכללא איתמר", אַז אָבגיסען אַ חבר מיט אַ גלאָז וואַסער איז עפּיס נישט קיין יודישער מנהג. פאַל איך אויף אַ'ן המצאה: מיין חבר האָט ליעב הקירה, וועל איך איהם טובל'ן אין אַ קאַלטער הקירה־מקוה. די הקירה־מקוה האָט אין זיך אַ סגולה פון „וואַש מיר דעם פעלץ און מאַך איהם נישט נאַס". די איז אפילו וואַסערדיג, אָבער ס'איז נישט נויטיג פאַר איהר קיין ארבעים סאה, ס'זענען גענוג גיין מאָס רייד.

„נישט איילען זיך, נישט לויפען, נישט כאַפּען" — זאָג איך — „קודם־כל מוזען מיר דערגרונטעוועון: א) אין וועלכער צייט יודען האָבען אָנגענומען דעם מנהג צו מאַכען זיך אַ יום־טוב אין זייער ראש־השנה, ב) ווער אין דעם איז שולדיג, מיר יודען, אָדער זיי, אונזערע שכנים."

„צא וחשוב" — זאָג איך ווייטער — „דאָס הייסט, דו מוזט נישט אַרויסגעהן, דו מעגסט בלייבען זיצען אויף דיין אָרט און מיט ישוב הדעת איבערקלערען, חקר'ענען: מיר יודען זענען ביי זיי, ביי אונזערע שכנים, שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר אין גלות. פונדעסטוועגען איז, דאַכט זיך, אין דער גאַנצער לאַנגער גלות־צייט נאָך קיין שום יוד אפילו נישט געקומען אויף דער מחשבה זיך אַריינצוכאַפּען אין אונזער ראש־השנה, גאַנץ פריה, צו'ן אַ פריץ און איהם אָבוואונשעווען „לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים". אָבער — דאָס האָב איך געזאָגט מיט דעם נגון פון „ואני, און איך יעקב, האָב מיך מיט דיין מאַמע רחל נישט אַזוי נוהג געוועזען" — אָבער... זייער קומענקעהרער..."

„לפי עניות דעתי, לויט דער אָרימקייט פון מיין שכל" — זאָג איך נאָך אַ קליינער מחשבה־רגע — איז דער דאָזיגער ראש־השנה נישט קיין אַלטער מנהג ביי יודען. לויט דער אָרימקייט פון מיין שכל, איז ער אַלט אַ'ן ערך פון איבער הונדערט יאָהר. ומעשה שהיה כך היה: „מיט דער גנאָד פונ'ם מלך" מעג אַ יוד זיך אַריינציהען וואוינען אין אַ גוי'שער גאַס. וואוינט ער שוין דאָרט אָב היבשע עטליכע חדשים. קומט דער ערשטער טאָג פונ'ם חדש

יאַנואַר. דער יוד שטעהט אויף אין דער פריה, אַ טאָג ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. פלוצים קלאַפּט מען אָן דער טהיר, ס'קומט אַריין דער גוי'שער קוימענקעהרער מיט גרויס דרך־ארץ און ווינשט אַ גליקליך ניי יאָהר. דער יוד ווייסט באַלד וואָס דער קוימענקעהרער מיינט, ער מיינט ראש־השנה־געלד. נאָך דעם קוימענקעהרער רוקט זיך אַריין דער גוי'שער בריפטרעגער. אַ „גליקליך יאָהר" שבעל־פה און אַ וואונש־ביכעל שבכתב. איהם מוז מען אפילו עפּיס מעהר געבען ראש־השנה־געלד, פאַר שבכתב און פאַר שבעל פה, אָבער, וואָס איז צו טהון? דערפאַר וואוינט מען דאָך „מיט דער גנאָד פון'ם מלך" אין דער גוי'אישער גאַס... נאָך דעם בריפטרעגער כאַפּט זיך אַריין אַ'ן אָרימע גוי'שע שכנ'טע. שוין אַ בחנם'דיגע ברכה. זי מיינט נישט קיין ראש־השנה־געלד. נאָר פשוט אַזוי, זייט זי וואויהנט אין דעם דאָזיגען הויז האָט זי פון איהרע גוי'אישע שכנים נישט געהאַט אַזוי פיעל טובות וויפיעל זי האָט נעהאַט אין די עטליכע חדשים פון'ם יודישען שכן. אַצונד קומט זי און ווינשט אָב „אַ גליקליך ניי־יאָהר."

דער יוד יאָק דער יוד. דעם יוד'ס וייב שמייכעלט. מהיכא־תיתי, אַ ברכה איז תמיד גוט. ווי זאָגט מען עס, „לאָז זיין פון אַ קאָזאַק אַבי צום לעבען". דעם יוד'ס קינדער האָבען גאָר דערפון הנאה. פאָרט „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערליכקייט". וואָס איז? מוז מען דען אַרומלויפען אין די גאַסען און שרייען: „ס'איז נישט אונזער ניי־יאָהר"?

דורך דעם מסחר מיט די נוי׳אישע שכנים, מוז דער יוד באַלד פיהרען זיין ספר החשבונות „מראשית השנה ועד אחרית השנה“, פון איין ערשטען יאַנואַר ביז צום צווייטען, סוף־יאָהר מאַכט ער זיך דעם סך־הכל, די אונטערשטע שורה, פאַלט דער חשבון אויס פויגעלדיג. זאָגט ער צו זיך אליין: „הלואי, רבונו של עולם, זאָל דאָס קומענדיגע נייע יאָהר נישט זיין קיין ערגערעס, בעסער האָט קיין שיעור נישט, ביי השם־יתברך איז אַלסדינג מעגליך“. פאַלט אָבער דער חשבון אויס לא־עליכם־דיג, נישט פאַר אייך געזאָגט און נישט פאַר קיין שום יוד געזאָגט, זיפצט נעביך דער יוד און זאָגט צו זיך אליין: „תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה, הלואי, רבונו של עולם, זאָל דאָס קומענדיגע נייע יאָהר זיך אָנהויבען מיט ברכה און הצלחה, השם־יתברך איז א נוטער, ער קען העלפען... דערווייל מוז מען זיך קנייפען די באַקען, כדי זיי זאָלען זיין רויט. בעלי חובות טאָרען זיך נישט דערפון דערוויסען, אדרבה, מען מוז נאָר אין דעם טאָג פון ניי־יאָהר וויזען א פרעהליך פנים...“

נאָך שפעטער איז דער יוד „געוואָרען א בעאַמטער אין א באַנק, אָדער אין א פאַבריק, און ביי ניי־יאָהר האָט ער בעקומען א טאָפעלט חדש־שכירות, נו, און אין דעם טאָג, וואָס א בעאַמטער בעקומט א טאָפעלט שכירות, מעג ער זיך מאַכען א יום־טוב, אָדער נישט?

מיין חבר איז פאַר׳מחשבה׳ט, הקירה איז פאַר איהם אַ׳ן עסק, אָבער ווען ס׳דאַכט זיך איהם, אַז אויף מיין לעצטער שאלה דערוואַרט איך פון איהם א תשובה, שיסט

עס פֿון איהם ווידער אַרויס: הכלל, אַסימילאַציע, אַ מיש־מאַש, אונזער ראש־השנה, זייער ראש־השנה, זייער ראש־השנה, אונזער ראש־השנה. ס'איז אַ גליק וואָס ס'רוב פֿון אונזערע נייע רבנים זענען עמי־הארצים. ווען חלילה נישט, וואָלטען זיי אונז באַלד באַגליקט „מיט אַ נייער מסכתא, מיט אַ מסכת ניי יאָהר...‟

„נישט איילען זיך, נישט לויפֿען, ניט כאַפּען‟ — זאָג איך — „איך וואָלט געקענט שווערען בנקיטת־חפֿץ, אַז ווען זייער ניי־יאָהר זאָל זיין אַ תענית, וואָלט קיין שום יוד אַפֿילו זיך נישט גע'חלומ'ט מיט זיי מיטצופּאַסטען, אָבער זייער ניי־יאָהר איז עפּיס אַ חול־המועד'ינער יום־טוב, אַ פּאַריווער, אַ נישט־פֿליישינער און נישט־מיליכינער. לעג תפלין אין דער פֿריה, פֿאָהר און שרייב, נאָר ווען דער קוימענקעהרער ווינשט דיר אָב אַ גליקליך ניי יאָהר, גיב איהם ראש־השנה־געלד און ווער זיינע פּטור...

צא והשוב, דאָס הייסט דו מוזט ניט אַרויסגעהן, דו מעגסט בלייבען זיצען אויף דיין אָרט און מיט ישוב־הדעת איבערקלערען, חקר'ענען: איז אין אמת'ן זייער ניי־יאָהר אונזער ראש־השנה? איז איבערהויפּט פֿאַרהאַנען אַ תרגום אויף דעם לשון פֿון אַ פֿאָלקס־הארץ? קען מען, למשל, אַריבערטראָגען דעם אויר פֿון סיביר קיין ארץ־ישראל? דאַכט זיך, אַז יעדע אומה ולשון האָט איהרע אגדות, איהרע זכרונות און מנהגים פֿון זיידעס און עלטער־זיידעס, און פֿון די דאָזיגע אגדות און זכרונות, פֿלעכט זיך פֿון דור־דורות

אַ שמחה־קראַנץ אין איהר נשמה, און קליידעט זיך אין אַ צורה פֿון ימים טובים.

נאָר מענשען־מאַלפּעס קענען זיך אויף אַ רגע װעלען איינרעדען, אז ימים טובים פֿון אַנדערע אומות קענען אויך אַמאָל זיין זייערע.

מיין חבר איז פֿון מיינע לעצטע װערטער זעהר צופֿריעדען. ער קוקט מיר טיעף אין די אויגען אַריין, גלייך װי ער זאָל זיך װעלען איבערצייגען אויב איך מיין עס ערנסט. איך האָב הנאה פֿון זיין הנאה־האָבען, און כדי איהם אָנצוטהון אַ נחת־רוח, זאָג איך װייטער: זעהסט דו, יענעם׳ס אַ קינדיש שפּילעכעל איז אַ סך גרינגער נאָכצוקרימען. אָט איז היינט זייער ערב ראש השנה, און דער דאָזיגער אָבענד װערד אָנגערופֿען „סילװעסטער אָבענד". װאָס איז? דער 31 דעצעמבער איז דער געבורטסטאַג פֿון זייער פּויבסט סילװעסטער, װעלכער האָט געלעבט מיט טויזענד און אַזוי פֿיעל הונדערטער יאָהר צוריק, בכן איז ביי זיי, ביי אונזערע שכנים, אַ מנהג פֿון דור־דורות אין דיזען אָבענד זיך אַביסעל משמח צו זיין. אַ מנהג איז ביי זיי נישט קיין „תורה". נאָר פּשוט, אויף אביסעל זיך משמח זיין, ביים סוף פֿונ׳ם אַלטען יאָהר און ביים אָנהויב פֿונ׳ם נייען יאָהר, דערצו מוז מען נישט האָבען קיין דינים און דיני דינים. יעדע משפּחה װאָס האָט דעם השק און די נויטהיגע הוצאה, איז פֿון תמיד אָן אין דיזען אָבענד נעגאַנגען אין אַ רעסטויראַציע אָדער אין אַ קאַפֿעהויז.

מ'האָט געגעסען און געטרונקען עפּיס מעהר ווי די נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר. מ'האָט מאריך געוועזען בסעודה ביז „כחצות". און ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען די צוועלפטע שעה, האָט מען מכבד געוועזען דאָס געקומענע ניי־יאָהר מיט אַ האַרציגען „ברוך הבא".

באַזעצען זיך אָבער אונזערע יודען „מיט דער גנאָד פונ'ם מלך" אין די גוי'אישע גאַסען, זעהען זיי זיך צו דאָס דאָזיגע שמחה'לע, פרייהייט, גלייכהייט און ברודערליכקייט איז „מיט דער גנאָד פונ'ם מלך" פאַרהאַנגען. „תיקון ליל סילוועסטער" ביי עלעקטריש ליכט און ביי אַ סעודה פון כל'ערליי מאכלים און משקאות איז באַקוועמער ווי, להבדיל, „תיקון ליל הושענא רבה" ביי אַ חלב'דיג ליכטעל, שלעפריג, אָבצוגריזען טערפּקע שטיקלעך „זוהר". כאַפּען זיך יודען אָן אין דעם דאָזיגען מנהג און — יודישען איהם יודישליך.

„אַ מצוה, וואָס די כותים האָבען זיך אָן איהר אָנגע־כאַפּט, זענען זיי ביי איהר מדקדק מעהר ווי אַ געבוירענער יוד." אַ היימישער וויסט אַ גרעניץ און אַ פרעמדער האָט בסדר מורא, אַז וואָס ער טהוט איז ער נאָך אַלי'ן נישט יוצא.

די גוים דערקענען שוין באַלד נישט זייער „סילוועסטער". ס'איז אַ'ן אמת'ע מעשה: אַ יודישע משפחה האָט אין לעמבערג פאַרבעטען איהר גוי'אישען שכן מיט איהר מיטצוגעהן אין דעם סילוועסטער־אָבענד זיך משמח צו זיין

און דער גוי'אישער שכן האָט בתמימות געענטפערט:
„איך האָב מיט יודישע ימים־טובים קיין שייכות נישט".

דאָס קאַפע־הויז איז שוין אָנגעפולט „מדאָשקע לדאָשקע", נישט דאָ וואו אַ שפּילקע צו וואַרפען, ס'איז אַ רעש אַ געטומעל. נאָהענט ביי אונזער טישעל, זיצט אַ „פאַרפומירטער און פריזירטער" יודישער משרת, דערצעהלט זיינע חברים און חבר'טעס נאַרישע יודישע הלצה'ליך, און זיי, זיינע חברים און חבר'טעס, קייקלען זיך פאַר געלעכטער, פּלוצים, ביי אַ קליינער הפסקה, טשעפּעט זיך דער דאָזיגער פריזירטער און פאַרפומירטער יונגערמאַן צו מיין חבר. ס'טייטש ער האָט איהם „פיקסירט", שאַרף אָנגעקוקט. ער פאָדערט ביי איהם די „וויזיטקאַרטע" און אויף מאָרגען זאָל ער מיט איהם געהען צו „דועל". איך זעה, אַז ביי מיין חבר ציטערען שוין שטאַרק די נאָד־פלינעל. ער ברומט שוין אין זיך אַריין, „אַסימילאַציע, דועל, אַ גוי'ישער מנהג, בלאָטיגע נשמות". כ'האָב מורא. אַז אָט אָט שיסט עס ביי איהם אַרויס. רוף איך דעם דאָזינען „פאַרפומירטען און פריזירטען" יונגען מאַן אַוועק אין אַ זייט אויף אַ סוד. איך זאָג איהם ניט אַ וואָרט, נאָר איך ריהר אָן מיט'ן שפּיץ פון מיין מיטלען פינגער מיין איינענעם שטערען. ער פאַרשטעהט דאָס שטום־לשון: „מיין חבר איז משוגע". און צו מיין חבר ווענד איך מיך, רוף איהם אויך אַוועק אין אַ זייט אויף א סוד. מאַך מיט איהם אויך דעמזעלבען שפּיעל אויף שטום־לשון. ער ווייסט איצט אויף יענעם דאָס וואָס יענער ווייסט

אויף איהם, דערביי בעט איך איהם באַלד איבערצולאָזען די „בלאַטינע נשמות" און פאַרבעט איהם מיט מיר צו געהען אין יודישען טהעאַטער.

נראָד קומען מיר אין יודישען טהעאַטער אַריין דער־מולט ווען דער ליעבלינג פון'ם עולם, לאה'קאַלע ווײַנטרויב, זינגט „דאָס תורה'לע!" און מ'קלאַפּט בראַוואָ.

אַ פראָסטער יוד, וועלכער זיצט נאָהענט ביי אונז „צורייסט זיך נאָר דעם לעטניק". ער איז ווי פאַרשכור'ט פון לאה'קאַלעס בטעם'טער נגינה. ער איז מלא־שמחה. „אַלע ימים טובים זענען קודש און סילוועסטער איז קודש קדשים".

אין אַ הפסקה רוק איך מיך צו נעהנטער צו דעם יוד, און פרעג איהם: „זאָגט נאָר, מיין ליעבער ר' קרוב, וואָס איז אויף אייך היינט אַזאַ גדולה? ווייסט איהר נאָך ווען איהר ריכט היינט אָב חצות? היינט איז דער געבורטסטאָג פון זייער פויבסט סילוועסטער..."

דער יוד קוקט מיך אָן מיט פאַרהדוש'טע אויגען: „וואָס, אַ פויבסט נאָר? לעבט ער נאָך? וואוינט ער אין רוים? ווי אַלט זאָל ער איצט זיין? איז ער אַ'ן אוהב ישראל, איינער פון די חסידי אומות העולם?"

שמייכלענדיג איבער זיין תמימות, ערנערט זיך שוין דער יוד איבער מיין חוצפה פון איהם חוזק צו מאַכען. „וואָס מיר פויבסט? ווער מיר פויבסט? וועמען שאַדט דאָס, ווען אַ יוד איז זיך אַמאָל משמח? איך קען היינטיגע יודען' קהלס־פאַרזאָרגערס, וועלכע עסען ערב יום־כפור פליישיגע.

קרעפּליך צו דער יויך, האָטש זיי האָבען אפילו נישט בדעה אים יום כפּור צו פאַסטען, און איך קען יודען וועלכע הערען נישט די מגלה לייענען, אים פּורים, און באַלעקען זיך די פינגער פון די זויער־זיסע פיש און די המן־טאַשען, און שכור׳ען אַזוי לאַנג ביז זיי ווייסען נישט קיין חלוק צווישען ארור המן און ברוך־מרדכי.״

דער יוד האָט זיך, דאַכט זיך, מתכון געוועזען מיר צו זאָגען שטעכווערטליך, דערפאַר וואָס איך האָב פון איהם געלאַכט. איך האָב מיך נישט ווייסענדיג געמאַכט, און איהם ערנסט געענפערט: וואָס, אַ׳ן אוהב ישראל, איינער פון די חסידי אומות העולם? ווען ער זאָל היינט, הלילה, זיין אין וויען, וואָלט אונזערער אַ יוד דאָ נישט געקענט בלייבען אַ שעה. אויסווייזונג, אָבשאַפונג, אַרויסוואַרפען פון דער דירה, וואָלט פאַר איהם גאָר נישט געוועזען. מיט ארבע מיתות בית דין, מיט סקילה, שריפה הרג און חנק, איינע נאָך דער צווייטער, וואָלט ער יעדען פּוילישען יוד דן געוועזען... ס׳איז אַ גליק, וואָס ער איז שוין טויט בסך־הכל טויזענד און היבשע עטליכע הונדערט יאָהר...״

„טויט! — זאָגט דער יוד אָבאָטהעמדיג — טויט! כן יאבדו... וואָס־זשע דולט איהר מיר מיין קאָפּ? איך בעט אייך הונדערט מאָל איבער, מיין ליבער פריינד, אַ גאַנץ יאָהר אָנגעזאַפּט מיט דאגות, מיט צרות, היינט אַריינגעכאַפּט זיך אין טהעאַטער, אַביסעל אַרויסשלאָגען דעם ושום פון׳ם קאָפּ. ב׳בעט אייך, שטערט׳ס מיר נישט מיין סילוועסטער״...

בײַ מײַן חבר ציטערען שוין ווידער די נאָז־פּליגעל.
ער ברומט שוין אין זיך אַרײַן: „ז י י ן ס י ל ו ו ע ס ט ע ר.
אַסימילאַציע. בלאָטיגע נשמות!” אָט, אָט שיסט עס באַלד
פֿון איהם אַרויס. אָבער איך שליעס איהם דאָס מויל
נישט אײַלען זיך, נישט לויפּען, נישט כאַפּען... צא
והשוב. דאָס הייסט דו מוזט נישט אַרויסגעהען. דו מענסט
בלייבען זיצען אויף דײַן. אָרט און מיט ישוב הדעת
איבערקלערען, הקר׳ענען...”

אינהאלט:

א) ישראל'יק (סקיצע) . . . . 3—18

ב) חנה־לאה (סקיצע) . . . . 18—26

ג) ער (מאַריענבאַדער נאָטיצען) . . . . 26—47

ד) וועלוויל זבאַראַשער (לעבענסבילד) . . . . 47—94

ה) מיין האַרציגער חבר (עראינערונג) . . . 94—98

ו) איציק־יונה (הומאָרעסקע) . . . . . . 98—104

ז) סילוועסטער (הומאָרעסקע) . . . . 104—118